# דער

# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בשלח

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י
**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## בשלח


פרשת בשלח - די פרשה פון אמונה............................................. א

מזמור שיר ליום השבת - די שירה פון שבת שירה ........................................ ד

כי אני ה' - די חשיבות און די סגולות פון אמונה.......................................... ז

באשר ירים משה ידו - דער אויבערשטער וואַרט צו הערן דיין תפילה.......................... יג

ויאמינו - אַ איד דאַרף זיך אַליין מחשיב זיין............................................ יד

למען אנסנו - דורך נסיונות ווערט מען דערהויבן ........................................ טו

# בשלח

### פרשת בשלח - די פרשה פון אמונה

**פרשת** בשלח איז א פרשה פון אמונה[א]. צוערשט, די מעשה פון קריעת ים סוף, וואו דער פסוק זאָגט עדות (יד, לא) ״ויאמינו בה׳״, די אידן האָבן געגלייבט אין דעם אויבערשטען, און זיי האָבן געוויזן מיט׳ן פינגער און געזאָגט ״זה א-לי ואנוהו״. דערנאָך קומט פרשת המן, וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעשיקט מן פון הימל, און ער האָט געזאָגט (טז, ד) ״הנני ממטיר לכם לחם מן השמים״[ב]. דאַן האָבן אַלע אידן געזעהן אַז די פרנסה פון מענטש און אַלע זיינע הצטרכות׳ן, זענען ביים אויבערשטען אין דער האַנט, נישט אין די הענט פון אַ בשר ודם.

**ווייטער**, ביים סוף פון דער פרשה, לערנען מיר וועגן די מלחמה מיט עמלק, וועלכער האָט געזוכט אַריינצוואַרפן ספקות און אַ ״קאַלטקייט״ אין די אמונה פון אידישע קינדער. דאָרט זאָגט דער פסוק (יז, יא) ״והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל״, און די גמרא (ר״ה כט.) פרעגט: ״וכי ידיו של משה, עושות מלחמה או שוברות מלחמה״, טוהען דען די הענט פון משה, מאַכן געווינען אדער פארלירן די מלחמה? ענטפערט די גמרא: ״אלא, לומר לך, כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה, ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים, היו מתגברים״ - אַזוי לאַנג ווי די אידן האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל און האָבן אונטערטעניגט זייערע

---

**א.** אַמאָל פרשת בשלח, האָט אַ יונגערמאַן געזאָגט צום סקווערער רבי׳ן, הרה״ק רבי יעקב יוסף זי״ע, אַז ׳ס׳קומט אַ שבת פון פרנסה׳... האָט דער סקווערער רבי איהם געזאָגט: ״אַ שבת פון אמונה״... ווייל אַלעס וואָס שטייט אין דער סדרה, די מעשה פון קריעת ים סוף, פרשת המן, די מלחמה מיט עמלק - אַלעס דרייט זיך אַרום איין פונקט: אמונה אין דעם אויבערשטען, אַז ער פירט אַלעס, און אַלעס געהערט צו איהם. ער איז בכח צו שטאַרקן און גרויס מאַכן דעם מענטש.

אין כלל פון די אמונה איז צו גלייבן, אַז דער מענטש קען נישט אָנרירן אין דעם וואָס איז אָנגעגרייט פאַר זיין חבר, און דער מענטש וועט גאָרנישט באַקומען אויב עס איז נישט אויסגערופן געוואָרן אין הימל אין פאָראויס. אַזוי זעהען מיר פון דעם וואָס די ״בעלי המסורה״ האָבן אָנגעצייכנט ביים סוף פון דער סדרה, אַז עס האָט 115 פסוקים, און זיי גיבן אַ סימן דערויף: ״יד אמונה״ - וואָס די צוויי ווערטער באַטרעפן אויך די צאַל 115 (14, און 101). ווייל דער תכלית פון אַלע נסים וועגן וועלכע די סדרה בשלח דערציילט, איז אַז מ׳זאָל צוקומען צו אמונה אין באַשעפער.

**ב.** די ספרים זאָגן אַ רמז אויפ׳ן פסוק ״הנני ממטיר לכם לחם מן השמים״, אַז די שפע פון פרנסה איז גלייך צו רעגן וואָס קומט אַראָפּ פון הימל. פונקט אַזוי ווי רעגן, קען קיין שום באַשעפעניש אויף דער וועלט נישט שטאַרקער מאַכן דעם שטראָם פונעם רעגן, און אַזוי פאַרקערט, קיינער קען נישט אָפּשוואַכן דעם שטאַרקן שטראָם פונעם רעגן, נאָר אַלעס קומט לויט ווי עס ווערט באַשטימט פון הימל, אַזוי איז מיט די פרנסה פון מענטש. אַלע השתדלות׳ן וועלן נישט העלפן פאַרגרעסערן זיין פרנסה, און אַזוי אויך פאַרקערט, קיינער קען נישט קלענער מאַכן די פרנסה פון זיין חבר, נאָר אַלעס איז לויט ווי ס׳איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם פון הימל.

אַזוי זאָגן די ספרים אויף די ווערטער פון די חז״ל (עי׳ תענית ח:) ״מאן דיהיב חיי יהיב מזוני״, דער וואָס גיט לעבן, גיט פרנסה. זאָגן די ספרים, אַז פונקט ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש, פאַרשטייט יעדער איינער אַז מ׳לעבט נאָר אַזוי פיל וויפיל ס׳איז באַשטימט געוואָרן פון הימל - נישט אַ מינוט ווייניגער אָדער מער, און אַפילו דער מעכטיגסטער און רייכסטער קעניג קען נישט צוגעבן צו זיינע באַשטימטע יאָרן אַפילו איין טאָג, אָדער אַפילו איין שעה, אַזוי קען קיין שום מענטש אויף דער וועלט נישט פאַרענדערן דאָס וואָס ס׳איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם אין דעם ענין פון פרנסה. עס העלפט נישט קיין שום פעולה צוצולייגן אפילו איין פרוטה אויף דעם וואס איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם. און אַזוי איז ביי יעדע זאַך אויף דער וועלט. קיין באַשעפעניש קען נישט ענדערן אַפילו אַ משהו פון דעם רצון פון באַשעפער, און מיט זיין גאַנצע השתדלות בטל צו מאַכן די גזירה וועט ער נישט מצליח זיין.

הערצער צום באַשעפער, האָבן זיי זיך געשטאַרקט. ווען זיי האָבן אָבער געהאַט ספקות אין הארץ, און אַריינגעקלערט "היש ה' בקרבנו, אם אין", צו געפינט זיך דער אויבערשטער צווישן אונז, אָדער נישט, איז עמלק געקומען מלחמה האַלטן מיט זיי: "ויבוא עמלק" (שם ח).

**אַזוי** טייטשט דער "אלשיך" (פרשתינו, יד, ה) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יד, יז) "ופרעה הקריב, וישאו בני ישראל את עיניהם, והנה מצרים נוסע אחריהם, וייראו מאד, ויצעקו בני ישראל אל ה'". פרעה האָט זיך דערנענטערט, און די אידן האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און געזעהן ווי די מצריים יאָגן זיי נאָך, און זיי האָבן זייער מורא געהאַט, און האָבן געשריגן צו דעם אויבערשטען.

**זאָגט** אויף דעם דער "אלשיך" הקדוש, דער אויבערשטער וויל נאָר אַז אידן זאָלן זיין נכנע פאַר איהם און אנערקענען אַז זיי דאַרפן אייביג אָנקומען צו זיינע גרויסע חסדים. אָבער אויב די אידן פאַרגעסן דערפון אַפילו אויף אַ מינוט, פאַסירט באַלד "והנה מצרים נוסע אחריהם" - די מצריים יאָגן זיי נאָך.

**וועגן** דעם, ווען עס איז געווען "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", וואָס דער תרגום טייטשט: "ברמות רוחא", מיט אַן אויפגעהויבענעם גייסט, דאָס הייסט, זיי זענען געווען שטאַרק מיט זיך און זיי האָבן זיך איינגערעדט אַז זיי קענען עפּעס אַליין טוהן, איז פרעה געשיקט געוואָרן פון הימל זיי נאָכצויאָגן, כדי זיי זאָלן ווערן אונטערטעניג און אנערקענען אַז זיי זענען נישט אַליין בכוח צו זיך ראַטעווען פון פרעה'ס הענט, נאָר זיי מוזן אָנקומען צו די הילף פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. ווי נאָר זיי האָבן דאָס אנערקענט, "ויזעקו בני ישראל אל ה'", איז דער אויבערשטער זיי באַלד געקומען העלפן אויף אַן אופן וואָס ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוינס, העכער פון די טבע, און ער האָט צעריסן דעם ים און זיי אַריבערגעפירט אין די טריקעניש, "ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים".

**אַ** איד קען נישט לעבן לעבן אויף דער וועלט אָן אמונה. ווי חז"ל זאָגן (סנהדרין צא:) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טו, א) "אז ישיר" - דעמאָלטס וועט משה זינגען, דער פסוק זאָגט דאָ אַ לשון עתיד, ער וועט זינגען. זאָגן חז"ל "מכאן לתחיית המתים מן התורה"[ג], פון דאָ זעהט מען אין דער תורה אַ בפירוש'ע ראיה אַז די מתים וועלן לעבעדיג ווערן לעתיד לבוא (און דערפאַר זאָגט דער פסוק אַ לשון עתיד, אונז צו לערנען, אַז לעתיד לבוא, נאָך תחיית המתים, וועט משה זינגען שירה צוזאַמען מיט די אידן, און לויבן דעם אויבערשטען פאַר זיינע נסים).

**זאָגט** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמיר'ער זי"ע (געברענגט אין ספר "מעיינה של תורה"), אַ טעם פאַרוואָס דאָ ווערט דערמאָנט דער ענין פון תחיית המתים לעתיד לבוא. ווייל ביי קריעת ים סוף, האָבן די אידן זוכה געווען צו אַזאַ התגלות אלוקית, ביז זיי האָבן געזאָגט "זה א-לי" - יעדער איד האָט ממש געוויזן מיט'ן פינגער אויף די הייליגע שכינה, און די חז"ל זאָגן אַז אַ דינסט האָט געקענט זעהן אויפ'ן ים וואָס יחזקאל בן בוזי האָט נישט געזעהן אין זיין נבואה. קומט אויס, אַז ביי די אידן איז דעמאָלטס נישט געווען שייך דער ענין פון אמונה, ווייל דער גאַנצער מהות פון אמונה איז צו גלייבן אין אַ זאַך וואָס מ'זעהט נישט מיט די אויגן. אַ זאַך וואָס שטייט פאַר די אויגן פונעם מענטש, דאַרף ער נישט גלייבן דערין, ווייל ער זעהט עס דאָך בחוש. דעריבער האָבן די אידן זיך געדאַרפט אָנהאַלטן אין די אמונה אין "תחיית המתים", ווייל דאָס האָבן זיי דעמאָלטס נאָך נישט געזעהן מיט זייערע אויגן, און נאָר ביי דעם, איז שייך געווען מקיים צו זיין דעם ענין פון אמונה.

**דאָס** זאָגט דער פסוק: "וייראו העם את ה'" - דאָס פאָלק האָט געזעהן דעם כבוד פונעם אויבערשטען כביכול, ממילא האָבן זיי חושש געווען, אויב אַזוי, ווי אַזוי וועלן מיר קענען מקיים זיין "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", דעריבער "אז ישיר" - האָט דער אויבערשטער זיי אַנטפּלעקט דעם סוד פון תחיית המתים, כדי זיי זאָלן זיך קענען אָנהאַלטן אין די ריינע אמונה.

**ג.** הרה"ק בעל "אמרי חיים" זצ"ל האָט געזאָגט אויף דעם מדרש "מכאן לתחיית המתים מן התורה", אַז דער גרעסטער "מת" ברוחניות ח"ו קען האָבן תחיית המתים אין שבת שירה.

**דער** יצר הרע האט אבער מורא אז דער מענטש וועט צוקומען צו א מדריגה אין אמונה, און דעריבער טוט ער צוטומלען דעם מענטש, אַז ער זאָל נישט זעהן מיט זיינע אויגן די וואונדער און ניסים וואָס דער אויבערשטער טוט מיטן מענטש[ד], ווי דער רבי ר' בונם זי"ע פון פשיסחא זאָגט ("קול שמחה", פרשתינו) אויפ'ן פסוק (יד, כה) "ויאמר מצרים אנוסה מפני ישראל כי ה' נלחם להם במצרים", די מצריים האָבן געזאָגט, מיר ווען אַנטלויפן פאַר די אידן, ווייל דער אויבערשטער האָט מלחמה געהאַלטן פאַר זיי אין מצרים. דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן די נאַרישע מצריים טאַקע נישט באמת מורא געהאַט נאָכצויאָגן די אידן? זיי האָבן דאָך אַליין געזעהן און געשפירט אויף די אייגענע הויט, די 10 מכות, און זיי האָבן אויך געזעהן ווי דער אויבערשטער דרייט אויס די מערכות פון די טבע פאַר די אידן?

**זאָגט** דער רבי ר' בונם, ווייל עס שטייט אין זוהר הקדוש (בשלח, מו:) אז די מצריים האָבן פאַרהאַרטעוועט זייער האַרץ אַזוי שטאַרק, אזש אז טראָץ די שווערע מכות וואָס זיי האָבן געליטן, און זייערע שאָף און רינדער זענען אויסגעשטאָרבן, אָבער אויף אַלעם האָבן די מצריים געזאָגט אַז עס איז נאָר אַ "צופאַל". אָבער יעצט, ווען די מצריים זענען שוין געשטאַנען ביים ים און נאָכגעיאָגט די אידן, האָבן זיי איינגעזעהן און מודה געווען צוריקוועגס אַז דער אויבערשטער האָט אַלעם געטוהן.

**דאָס** איז די כוונה פון זייערע ווערטער, מיר וועלן אַנטלויפן פאַר די אידן ווייל דער אויבערשטער האָט מלחמה געהאַלטן פאַר זיי "אין מצרים". דאָס הייסט, אויך אין "מצרים" האָט אַלעס פאַסירט מיט אַ השגחה פרטית פון דעם אויבערשטען, און נישט דורך אַ צופאַל ח"ו.

**פון** דאָ זעהט מען ווי ווייט דער מענטש דאַרף האָרעווען איינצוואָרצלען אין זיין האַרץ די אמונה אין דעם אויבערשטען, ווייל אָן אמונה, וועלן אַפילו "ניסים" נישט העלפן צו בייגן דעם האַרץ צום אויבערשטען[ה].

---

**ד.** אין יאָר תשע"ז, איז נפטר געוואָרן אין אַנטווערפן אַ איד מיט'ן נאָמען ר' פסח ווײַנשטאָק ע"ה, אין עלטער פון 100 יאָר. דער ר' פסח האָט דערציילט, אַז אין יאָר ת"ש, אַ קורצע צייט נאָכ'ן אויסברוך פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, האָט ער געדאַרפט אַנטלויפן צוזאַמען מיט די בני בית. אַ שטיק צייט, האָט ער געלעבט באַהאַלטענערהייט, דורך דעם וואָס ער האָט פאַרקויפט הינער און אייער. נאָך פיר יאָר וואַלגערנישן פון איין אָרט צום אַנדערן, זענען זיי ענדליך אָנגעקומען אין די שטאָט לעאָן, פראַנקרייך, וואו עס האָבן - אַרום 1,000 יאָר צוריק - געלעבט די הייליגע בעלי התוספות.

זייענדיג אין לעאָן, איז ר' פסח געוואָרן קראַנק מיט די "שחפת" קראַנקהייט רח"ל, און מ'האָט איהם אַריינגעשטעלט אין אַ שפיטאָל, וואו קיינער האָט נישט געטאָרט אַריינקומען, ווייל עס איז אָנשטעקיג ח"ו. פלעגט ר' פסח דערציילן, אַז ליגנדיג אין שפיטאָל, זענען איהם דורכגעלאָפן פאַרשידענע טרויעריגע מחשבות אין קאָפּ, אָט האָט ער שוין קוים זוכה געווען צו קומען "אל המנוחה ואל הנחלה", און דאָ דאַרף ער ווידער ליגן אין שפיטאָל מיט אַזאַ שרעקליכע קראַנקהייט ל"ע. ער האָט אָבער מקבל געווען אויף זיך באהבה דעם דין שמים.

דער סוף איז געווען, אַז ווען ער איז אַרויסגעקומען אַן אויסגעהיילטער פונעם שפיטאָל, האָט ער זיך אינטערעסירט וואָס עס האָט פאַסירט מיט זיינע עלטערן און מיט זיינע בני בית. ערשט דאַן איז ער געוואויר געוואָרן, אַז בשעת ער איז געווען אין שפיטאָל, זענען די דייטשע נאַציס ימ"ש אַריינגעקומען אין שטאָט, און דעפּאָרטירט אַלע אידן קיין אוישוויץ, וואו זיי זענען אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד. די נאַציס ימ"ש האָבן אָבער מורא געהאַט אַריינצוקומען אין דעם שפיטאָל וואו ר' פסח איז געלעגן, ווייל די מחלה איז געווען אָנשטעקיג, און אַזוי איז ר' פסח געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט!

דאַן האָט ער באַגריפן, אַז דייקא דאָס וואָס עס האָט איהם אויסגעזעהן ווי די צרה אַליין, אַז ער דאַרף ליגן אין שפיטאָל מיט די ביטערע "שחפת" קראַנקהייט רח"ל, איז גאָר געווען זיין הצלה, וואָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן.

**ה.** ענדליך האָט געזאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע, עס איז באַקאַנט (זעה "טעמי המנהגים, סי' תקל"א אות צח) אַז דתן ואבירם האָבן פרייטאָג צו נאַכטס אויסגעשפרייט אינדרויסן דעם מן, כדי אָפּצולייקענען וואָס

**מזמור שיר ליום השבת - די שירה פון שבת שירה**

**שבת** פרשת בשלח, ווערט אָנגערופן "שבת שירה"[ו].

**עם** ווערט געברענגט אין ספר "רמתים צופים", אַז הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע האָט געפרעגט הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע, פאַרוואָס ווערט דער שבת אָנגערופן "שבת שירה"[ז] (עס ווערט שוין גערופן אַזוי אין די פוסקים), און שבת פרשת בא, ווערט נישט אָנגערופן "שבת פסח", אָדער "שבת יציאת מצרים", און אויך שבת פרשת יתרו, ווערט נישט אָנגערופן "שבת קבלת התורה"?

---

משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט אַז שבת וועט נישט אַראָפקומען מן, און עס זענען געקומען פייגלעך און האָבן אויפגעגעסן דעם מן. דאַרף מען פאַרשטיין, די גמרא זאָגט דאָך (יומא עו.) אַז דער מן וואָס איז אַראָפגעקומען פאַר די אידן פון הימל, איז געווען הויך זעכציג איילן. אויב אַזוי, האָבן דאָך דתן און אבירם זיכער נישט געהאַט אַזוי פיל מן אויסצושפּרייטן אַרום די מחנה. מוז זיין, אַז זיי האָבן געלייגט נאָר אַביסל מן. ממילא איז שווער, ווי אַזוי האָבן זיי געטראַכט אַז דאָס פאָלק וועט מיינען אַז דער מן איז אַראָפגעקומען שבת? נאָר וואָס דען, פון דאָ זעהען מיר, אַז כדי אָפּצוקילן די אמונה, איז גענוג אַפילו אַ שוואַכער "תירוץ"...

**ו.** עס איז דער מנהג (או"ח סימן שכ"ד, עיי"ש במג"א סק"ז) אַז מ'טוט וואַרפן מזונות פאַר די עופות אין שבת שירה. מ'קען זאָגן אַ רמז אין דעם, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות נג:) "כנסת ישראל נמשלה ליונה", אידן זענען צוגעגליכן צו אַ טויב. דערפאַר וואַרפט מען מזונות פאַר די "פייגל", מרמז צו זיין אַז דער גאַנצער "מן" - די מזונות - קומט פון דעם אויבערשטען, און דורך מאַכן אַ "פועל דמיוני", זענען מיר מעורר אַז דער אויבערשטער זאָל אונז געבן פרנסה.

דער "ישמח ישראל" (סוף פ' בשלח) פאַרענטפערט די קשיא פון "מגן אברהם" (סי' שכ"ד) פאַרוואָס מען געבט מזונות שבת שירה פאַר די עופות, מיר זענען דאָך נישט מחויב צו שפּייזן די עופות? ענטפערט דער "ישמח ישראל", אַ בהמה אַרבעט שווער פאַר איר בעל הבית, ממילא קען זי טראַכטן ביי זיך, איך האָב געאַרבעט שווער פאַר מיין עסן, און דערפאַר גיט מיר דער בעל הבית צו עסן. אַ פויגל אַרבעט דאָך אָבער נישט פאַר זיין פרנסה, ער פליט אַרום, און קומט צוריק צו זיין נעסט. ממילא, אויב דער פויגל באַקומט שפּייז, ווייסט ער אַז ער האָט נישט באַקומען די שפּייז אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געאַרבעט, ווייל ער האָט דאָך נישט געאַרבעט דערפאַר. דאָס זעלבע דאַרף דער מענטש וויסן, אַז ער באַקומט מזונות ווייל דער אויבערשטער גיט איהם. ער אַרבעט נאָר, ווייל עס איז דאָ אַ גזירה פון "בזיעת אפיך תאכל לחם", אָבער באמת "שהכל נהיה בדברו" - ער עסט נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן שפּייז צו עסן.

עס האָט דערציילט אַ בעל הבית'ישער איד וואָס איז אַרויפגעקומען פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל, אַז אין די תקופה פון קאָמוניזם, איז ער אין אַ געוויסן פרימאָרגן, געגאַנגען מיט אַ קעסטל בריליאַנטן אין די דיאַמאַנטן בערזע, וואו ער האָט זיך אָפּגעשמועסט מיט קונים אויף אַכט אַזייגער אינדערפרי.

גייענדיג אויפ'ן וועג, האָט אַ איד וואָס האָט יענעם טאָג געהאַט 'יאָרצייט' נאָך איינע פון זיינע עלטערן, איהם געבעטן ער זאָל אַריינקומען צום דאַווענען, און "משלים" זיין אַלס אַ "צענטער" צום מנין ביי תפלת שחרית. איז דער איד אַריינגעגאַנגען, אָבער זעהענדיג אַז ער איז דער צווייטער מענטש צום מנין, האָט ער געוואָלט אַרויסלויפן פון שול, און גיין צו די בערזע. דער חיוב האָט איהם אָבער שטאַרק מפציר געווען, ער זאָל צוואַרטן אַביסל, ווייל די אַנדערע אידן דאַרפן באַלד אָנקומען. אַלזאָ, ווען ס'איז שוין געווען דער מנין, הערט דער סוחר ווי דער בעל היאָרצייט הייבט גאָר אָן צו זאָגן "ידיד נפש"... איז איהם ווידער געוואָרן נישט גוט אויפ'ן האַרצן... ער וועט דאָ דאַרפן וואַרטן ביז מ'וועט ענדיגן דאָס גאַנצע דאַווענען, אָבער דער איד האָט איהם שטאַרק מפציר געווען ער זאָל איבערבלייבן און משלים זיין צום מנין.

אַלזאָ, ער איז אָנגעקומען אין די בערזע מיט אַ גרויסע פאַרשפּעטיגונג. דאָרט, איז ער געוואויר געוואָרן וואָס פאַר אַ נס עס האָט פּאַסירט מיט דעם דורך זיין פאַרשפּעטיגונג, ווייל זענען די קאָמוניסטן געקומען אין דער בערזע, און האָבן קאָנפיסקירט יעדן איינעמ'ס פאַרמעגן... אויב ער וואָלט דאָרט געווען בשעת מעשה, וואָלט ער שאָדן געהאַט זיין גאַנצן פאַרמעגן! אַזוי, איז דער איד געקומען קיין ארץ ישראל אַלס אַ גביר.

**ז.** דער ערשטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל, האָט געזאָגט אַז וועגן דעם הייסט דער שבת, "שבת שירה", ווייל אין דער פרשה לייענען מיר וועגן אַזוי פיל געוואַלדיגע ניסים: א) קריאת ים סוף. ב) פרשת

**האָט** דער "חידושי הרי"ם" געענטפערט, די שירה איז דאָך געשריבן אין דער תורה "אריח על גבי לבינה", אַזוי ווי מען שטעלט אויס ציגל איינס איבער צוויי, אַזוי אויך איז איין ווארט געשריבן איבער צוויי אא"וו[ח]. קומט דאָך אויס אַז אין דער תורה אליין "שרייט" זיך אויס אַז דעם שבת איז אַן אַנדערער מצב, אַן אַנדערער שבת.

**דער** חידושי הרי"ם האָט עס מסביר געווען, ישרא"ל איז ראשי תיבות י'ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה. יעדער איד האָט אַן אות אין די ספר תורה. דער טינט (דיו) איז די נשמה, און דער קלף איז דער גוף. אין פרשת בשלח, וואו דער קלף איז אַנדערש ווי דער טינט, איז עס מרמז אַז יעדער אידישער גוף ווערט אַנדערש אין שבת שירה.

**דער** "רמתים צופים" לייגט צו: "בעיני ראיתי", איך האָב געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי דער "חידושי הרי"ם" זצ"ל האָט געטאַנצן און געשפרינגען שבת שירה ביי קבלת שבת, וואָס מ'האָט נישט געזעהן ביי איהם אַזאַ עבודה אין קיין אַנדערן זמן דורכ'ן יאָר, און ער האָט געשריגן "שבת שירה, איז אַ שבת וואָס יעדער גוף קען ווערן אַנדערש".

**די** חז"ל זאָגן בנוגע די שווערסטע זאַכן, ווי "קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף", "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", "קשין נקביו של אדם כקריעת ים סוף". יעדע זאַך וואָס די גמרא וויל אַרויסברענגען די שוועריגקייט דערפון, זאָגט די גמרא אַז עס איז אַזוי ווי קריעת ים סוף.

**זאָגט** דער רשב"ם, "ונפקא מינה לאפושי ברחמי". עס איז אַ נפקא מינה, אַז מען זאָל מתפלל זיין דערויף. עס איז נישט פשוט, מזונות, אַ זיווג, מען דאַרף בעטן דערויף. על אחת כמה וכמה ווען עס קומט שבת שירה, ווען אַלעס איז "געשפּאָלטן", מען דאַרף נאָר אַריינשפרינגען אינעם מצב, ווי דער מהר"ל זאָגט אַ כוונה אין דעם וואָס די שירה שטייט געשריבן "אריח על גבי לבינה". אַן אריח איז אַ האַלבע לבינה. דער כתב איז דער אריח, און דער ליידיגער טייל, דער חלל, איז דאָפּעלט פונעם געשריבענעם.

**זאָגט** דער מהר"ל אַ מורא'דיג וואָרט. פרשת ויחי איז אַ פרשה סתומה, און רש"י זאָגט (בראשית מז, כח) "למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד". עס איז נישטאָ קיין הפסק צווישן פרשת ויגש און פרשת ויחי, צוליב די צרה פון שעבוד מצרים.

**קומט** אויס, אַז דאָ ביי די שירה, וואו עס זענען דאָ אַזוי פיל הפסקות צווישן די אותיות אינעם כתב ("אריח על גבי לבינה"), איז עס אַ רמז ווי מ'קען פטור ווערן פון אַלע צרות און שעבודים אין דער וואָך ווען מ'לייענט די שירה[ט].

**דער** הייליגער שר שלום זי"ע פון בעלזא האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון די חז"ל, אַז אַלע וואַסערן אין דער וועלט זענען געשפּאָלטן געוואָרן אין דער צייט ווען דער ים סוף האָט זיך געשפּאָלטן. פרעגט דער שר שלום, פאַרוואָס האָט אויסגעפעהלט אַזאַ נס, אַז אלע וואַסערן איבער דער גאָרער וועלט זאָלן זיך שפּאַלטן? מיר ווייסן דאָך, "לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למיגנא", דער אויבערשטער מאַכט נישט אַ נס אומזיסט, וואָס איז געווען דער תכלית דערפון?

---

המן. ג) משה האָט אַרויסגעצויגן וואַסער פון דעם שטיין. ד) מלחמת עמלק. עס איז דאָך אַ פרשה בלויז פון ניסים, איז דען אַ וואונדער אַז עס רופט זיך "שבת שירה"?! מען מוז אָבער אַריינגיין אין די ניסים.

**ח.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל אמרי אמת זצ"ל, האָט געזאָגט אַ רמז אויף דעם וואָס די שירה איז געשריבן געוואָרן "אריח על גבי לבינה" די חלק איז טאָפּעלט פון די כתב, אונז צו לערנען, אַז "יותר ממה שכתוב לפניכם כתוב כאן". אויב מען מיינט אַז דאָ האָט זיך געשפּאָלטן דער ים, זאָל מען וויסן אַז דער "חלק" - דאָס וואָס עס שטייט נישט אַרויסגעשריבן - איז אַ סאַך מער ווי דאָס וואָס ס'איז יאָ אַרויסגעשריבן אין פסוק.

**ט.** הרה"ק בעל "אמרי חיים" זצ"ל האט געזאָגט, וועגן דעם וואָס מענטשן ווינטשן זיך כסדר אַז אַלעס זאָל צוגיין "כשורה", אַז דאָס איז מרמז "כשירה", אַזוי ווי די שירה, וואס איז געווען "אריח על גבי לבינה", וואָס איז מרמז אַז מען קען אַרויסגיין פון יעדן פּראָבלעם.

**ענטפערט** דער בעלזער רב זי"ע, אַז דאָס וואָרט "מים" איז מרמז אויף צרות און יסורים וואָס דער מענטש ליידט ח"ו, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סט, ב) "הושיעני אלקים כי באו מים עד נפש". דאָס איז דער רמז אַז ביי קריעת ים סוף זענען געשפּאָלטן געוואָרן "כל מימות שבעולם" - אַלע "וואַסערן" אין די וועלט, פון יעצט און ווייטער ווערן "געשפּאָלטן" אַלע צרות אויף די וועלט, ווען אידישע קינדער לייענען די שירה אין יעדן דור, ווערן נשפּע די נסים פונדאַסניי, בפרט די זאַכן וואָס זענען צוגעגליכן געוואָרן צו קריעת ים סוף, ווי דער זיווג פון מענטש (סוטה ב.) און פרנסה און אַנדערע זאַכן (פסחים קיח.). אַלע פּראָבלעמען ווערן דעמאָלס "געשפּאָלטן"'.

**עס** שטייט אין ספה"ק "אמרי יוסף" (פרשת יתרו, עה"פ "והר סיני עשן כולו" וגו') "קבלתי מרבותי" - איך האָב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס (זיין כוונה איז צו זיין רבי'ן, הרה"ק רבי אייזיקל זידיטשויב'ער זי"ע), עס איז ידוע פון ספר יצירה, עס איז דאָ עולם, שנה, נפש.

**עולם** - דאָס אָרט וואו דער ים איז געשפּאָלטן געוואָרן. זאָגט די משנה (ברכות נד.) אויב אַ מענטש זעהט דעם ים סוף, דאַרף ער דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די ניסים וואָס ער האָט געטוהן מיט אונזערע אבות אויף דעם אָרט. דאָרטן דאַרף מען דאנקן, ווייל דאָרט איז פאָרגעקומען דער נס, און עס ווערט נתעורר נאָך אַמאָל דער נס.

**שנה** - דער זמן ווען מ'זאָגט די שירה. שביעי של פסח, איז דאָ די בחינה פון קריעת ים סוף, אַזוי ווי ס'איז דעמאָלס געווען.

**נפש** - ווען מ'לייענט די שירה אין די תורה, שבת פרשת בשלח.

**זאָגט** רבי אייזיקל זידיטשויבער, אַז ווען מ'לייענט די שירה שבת פרשת בשלח, ווערט נתעורר דער נס פון קריעת ים סוף, אַ סאַך מער ווי שביעי של פסח, ווייל "נפש" איז העכער פון "שנה".

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זי"ע זאָגט (מובא בס' "נהר שלום", ליקוטים בסוף הספר) "אז ישיר משה" - "אז" איז אותיות א', ז'. דורכ'ן יאָר, זענען דאָ צוויי זמנים וואָס משה רבינו, אהרן, מרים און דער גאַנצער דור דעה, גייען אַרויס פון גן עדן, און קומען אַראָפּ אויף דער וועלט. דאָס איז מרומז אין וואָרט "אז": אל"ף - פון לשון לימוד, ווי דער פסוק זאָגט (איוב לג, לג) "ואאלפך חכמה" - ווען מ'לערנט די שירה, אין פרשת בשלח. און זיי"ן, דאָס איז מרמז אויף שביעי של פסח, ווען מ'לייענט די שירה, דאַן "ישיר משה ובני ישראל", קומען משה, אהרן ומרים, און דער גאַנצער דור דעה, אַראָפּ אויף דער וועלט, צו זאָגן די שירה צוזאַמען מיט אידישע קינדער.

**מיט** דעם האָט דער רבי פון לובלין זי"ע געטייטשט די משנה (שבת נא:) "וכל בעלי השיר יוצאים בשיר", די "בעלי השיר" משה, אהרן, און מרים, און דער דור דעה פון די יוצאי מצרים, וואָס האָבן דעמאָלטס געזאָגט די שירה, "יוצאין בשיר", גייען אַרויס פון גן עדן, צו זאָגן שירה יעדעס יאָר ווען אידישע קינדער זאָגן שירה. "ונמשכים בשיר", און זיי ווערן נמשך אויף דעם עולם, דורך די שירה. "ומזין עליהן" - און זיי זענען ממשיך השפעות טובות אויף אַלע אידן, "וטובלין", און דערנאָך, טובל'ען זיי זיך אינעם טייך 'דינור' (ווי עס איז ידוע, אַז ווען די נשמה פון אַ צדיק קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, טובל'ט מען די נשמה אין טייך "דינור", איידער זי גייט שפּעטער צוריק אַרויף צו איר מקום מנוחה אין גן עדן העליון) "במקומן" - און שפּעטער, קערן זיי זיך אום צו זייער פּלאַץ אין גן עדן העליון!

---

**י.** מיר האָבן געהערט פון הרה"ח ר' נתנאל ראַדזינער ז"ל, אַז זייענדיג אַן עלטערער בחור נאָך די מלחמה, האָט ער אַמאָל געזאָגט צום גאון בעל "חזון איש" זי"ע, אַז ער האָט איין "קשיא", וואָס איז אַזוי שווער ווי קריעת ים סוף... די "קשיא" פון "קשה לזווגן כקריעת ים סוף" (סוטה ב.). האָט דער "חזון איש" איהם געענטפערט:

- צום סוף האָט דאָך דער אויבערשטער געשפּאָלטן דעם ים... ממילא קענסטו זיין רואיג, אַז אויך דיין "קשיא" וועט פאַרענטפערט ווערן, ווען דו וועסט בקרוב טוהן אַ פיינעם שידוך...

וכן הוה, ביז אַ קורצע צייט, האָט ר' נתנאל ראַדזינער געוואָרן אַ חתן בשעה טובה ומוצלחת.

### כי אני ה' - די חשיבות און די סגולות פון אמונה

**גאר** גרויס איז די מעלה פון אמונה, אַז אפילו איין מינוט פון אמונה אין באַשעפער אויף דער וועלט, איז חשוב און באַליבט ביי דעם אויבערשטען. ווי עס שרייבט דער "אבן עזרא" (פירוש הארוך) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יד, ד) "וידעו מצרים כי אני ה'", און די מצריים זאָלן וויסן אַז איך בין דער אויבערשטער. דאַרף מען פאַרשטיין, די מצריים זענען דאָך דערטרינקען געוואָרן עטליכע מינוט שפעטער אין ים, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט אויסגעפעלט "וידעו מצרים" - זיי זאָלן וויסן וועגן דעם אויבערשטע'ס גרויסקייט, אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן?

**ענטפערט** דער "אבן עזרא", אַז דער פסוק רעדט סיי פון די מצריים וואָס זענען איבערגעבליבן אין מצרים, און סיי פון די מצריים וואָס זענען יעצט נאָכגעלאָפן די אידן ביים ים, און אפילו זיי זאָלן אויך וויסן אין די געציילטע מינוטן פאַר זייער טויט, אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. פון דעם זעהט מען ווי וויִט דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט די מערכות פון די בריאה, אַלעס כדי די שענדליכע כופרים בה', די מצריים, זאָלן גלייבן אַפילו איין מינוט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט!

**אמונה** דערנענטערט די ישועה פאַר יעדן איינעם, און איז משפיע גרויסע השפעות מיט אָפענע ניסים[יא], ווי דער "אור החיים" הקדוש זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יד, טו) "מה תצעק אלי". דער אויבערשטער פרעגט משה רבינו ע"ה: "פאַרוואָס שרייסטו צו מיר?" פרעגט דער "אור החיים" הקדוש, צו ווענען

---

**יא.** דער "דברי שמואל" (פרשתינו) זאָגט אויפ'ן פסוק (יז, יב) "ויהי ידיו אמונה", פונקט אַזוי ווי דער מענטש קען טוהן מיט זיינע הענט וואָס ער גליסט נאָר, אַזוי קען מען מיט'ן כח פון אמונה, איבערדרייען דעם גאַנצן מצב פון מענטש. ער שרייבט: דער מענטש וואָס האָט אמת'ע אמונה, ווערט זיין אמונה ביי איהם ממש ווי אַ האַנט, פונקט ווי דער מענטש איז מסוגל צו טוהן מיט זיינע הענט וואָס ער וויל נאָר, אַזוי קען ער אויפטוהן מיט זיין אמונה.

שרייבט ער, אַז דאָס איז געווען דער כח פון הייליגן לעכעוויטשער זי"ע, וואָס ער האָט גע'פועל'ט ישועות אויף דער וועלט, ווייל ער איז געווען זייער הויך אין די מדריגה פון אמונה. יעדער איד וואָס איז נאָר אַריינגעקומען צו איהם, האָט ער איינגעוואָרצלט אין זיין האַרץ אַזאַ קלאָרע אמונה, אַזוי ווייט, אַז מיט'ן כח פון די אמונה, זענען געמאַכט געוואָרן אַלע מופתים אויף אַן אופן העכער פון דרך הטבע. "עד בא השמש", דער כח צו פועל'ן דורך אַזאַ אמונה, וועט אָנגיין ביז משיח'ס טאָג, עכ"ל.

עס ווערט דערציילט (ספר "תורת אבות", מעשי אבות, נה) אַז מ'האָט געברענגט צו הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע אַ איד פון אַ דאָרף נעבן לעכעוויטש, וואָס האָט זיך צובראָכן אַ פוס אויף אַ שווערן אופן. האָט דער לעכעוויטשער באַפוילן מ'זאָל אַריינברענגען דעם איד צווישן מנחה-מעריב, און מ'זאָל איהם לייגן אויף אַ בעט וואָס איז געשטאַנען אין זיין צימער. אַזוי האָט מען טאקע געטוהן. ווען דער לעכעוויטשער איז אַריינגעקומען אין צימער, האָט ער באַפוילן פאַר'ן דאָרפס-מאַן, ער זאָל איהם נאָכזאָגן די ווערטער, "אתה גיבור לעולם ה', מחיה מתים וכו' סומך נופלים ורופא חולים וכו' ברוך אתה ה' מחיה המתים".

דערנאָך האָט דער לעכעוויטשער איהם געפרעגט, אויב ער גלייבט אין דעם אַלעם וואָס ער האָט יעצט געזאָגט. האָט דער איד געענטפערט אַז יאָ, אָבער דער לעכעוויטשער האָט איהם אָנגעשריגן: "דובר שקרים לא יכון לנגד עיני", און ער האָט איהם נאָך אַמאָל באַפוילן נאָכצוזאָגן "אתה גיבור" וכו', און ווען ער האָט איהם געפרעגט אַ צווייטן מאָל אויב ער גלייבט אין דעם, און ער האָט ווידער געענטפערט אַז יאָ, האָט דער לעכעוויטשער איהם ווידעראַמאָל אָנגעשריגן, און איבערגעזאָגט מיט איהם אַ דריטן מאָל, "אתה גבור וכו' מחיה המתים", ביז דער דאָרפס-מאַן האָט אויסגעשריגן מיט'ן גאַנצן כוח "איך גלייב אין דעם אַלעם, איך גלייב...". האָט דער לעכעוויטשער באַפוילן תיכף ער זאָל אַראָפגיין פון בעט, און אָט איז זיין פוס געווען געזונט ווי פריער. נאָר כדי אויסצומיידן פירסום פונעם גרויסן "מופת" וואָס ער האָט דאָ באַוויזן, האָט דער לעכעוויטשער באַפוילן מ'זאָל טראָגן דעם דאָרפס-מאַן ביז צו די אכסניא, און דאָרט זאָל ער ליגן נאָך אַ טאָג. מ'האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס דעמאָלסדיגע ליגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט, איז פאַר דעם חולה געווען אַ סאַך שווערער, וויבאַלד ער איז שוין געווען אינגאַנצן געזונט ב"ה.

דען האָט משה געזאָלט שרייען ווען אידישע קינדער זענען אין אַזאַ גרויסע סכנה, אויב נישט צו דעם אויבערשטען?

**ענטפערט** דער "אור החיים" הקדוש, ווייל די חז"ל זאָגן דאָך אַז דער שר של ים האָט מקטרג געווען, אַז די אידן האָבן געדינט עבודה זרה פונקט ווי די מצריים, ממילא האָבן די אידן געדאַרפט האָבן גרויס רחמים, און כאָטש דער אויבערשטער האָט געוואָלט מזכה זיין די אידן אינעם משפט, און טוהן מיט זיי ניסים ונפלאות, פונדעסטוועגן, האָבן דאָך די אידן נישט געהאַט קיין שום זכות פון אַ מצוה מעורר צו זיין מדת הרחמים אויף זיך. ווענן דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה: "מה תצעק אלי", וואָס שרייסטו צו מיר? עס ווענדט זיך נישט אין מיר, ווייל מדת הדין איז דאָך מקטרג אַז די אידן זענען ח"ו נישט ראוי אַז איך זאָל זיי באַווייזן נסים. דעריבער איז די איינציגע עצה אַז משה זאָל רעדן צו די אידן - "דבר אל בני ישראל", זיי זאָלן שטאַרקן די אמונה אין זייערע הערצער, און זיי זאָלן אַריינגיין אין ים אַריין אויפ'ן סמך פון בטחון אַז עס וועט פּאַסירן מיט זיי אַ נס, און אויף אַזאַ אופן, וועט זיך שטאַרקן אויף זיי מדת הרחמים, ווייל בטחון און אמונה זענען בכח איבערצואוועגן צום גוטן פאַר די אידן, און אַזוי איז טאַקע געווען.

**אַזוי** זאָגן שוין די ראשונים, ווי דער רבינו יונה ז"ל ברענגט (ברכות ב: ד"ה "איזהו") אין נאָמען פון זיין רבי'ן, אויף די ווערטער פון די חז"ל (ברכות ד:) אַז דער מענטש וואָס איז "סומך גאולה לתפלה" - דאָס הייסט, ער זאָגט די ברכה "גאל ישראל" נאָנט צו שמונה עשרה - איז ער אַ בן עולם הבא. זאָגט דער רבינו יונה אין נאָמען פון זיין רבי'ן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ווען דער מענטש דערמאָנט די גאולה פון מצרים און ער איז תיכף דערנאָך מתפלל צום אויבערשטען, ווייזט ער אַז ער האָט בטחון אין דעם אויבערשטען און ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין תפלה, ווייל ער בעט דאָך פון איהם זיינע באַדערפענישן. אַ מענטש וואָס האָט נישט בטחון אין דעם אויבערשטען, בעט גאָרנישט פון איהם.

**אַז** אַזוי געפינען מען אין מדרש (שמ"ר פכ"ג, ב) אַז ווען די אידן האָבן געזעהן די נסים און גרויסע וואונדער וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט זיי העכער פון דרך הטבע, האָבן זיי זיך פאַרלאָזט אויפ'ן אויבערשטען, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (יד, לא) "ויירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים, וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו". און אַז דער מענטש דערמאָנט יעצט די גאולה וואָס די אידן האָבן זוכה געווען דערצו ווייל זיי האָבן געהאַט בטחון אין דעם אויבערשטען און ער האָט זיי געראַטעוועט, און תיכף דערנאָך דאַוונט ער צום אויבערשטען, קומט דאָך אויס אַז אויך ער האָט בטחון אין דעם אויבערשטען אַז ער וועט איהם ענטפערן אַזוי ווי ער האָט געענטפערט די אידן ביים ים סוף דערפאַר ווייל זיי האָבן געהאַט בטחון אין איהם, וואָס ווענן דעם דערמאָנט ער יענע גאולה און ער איז תיכף דערנאָך מתפלל. און וויבאַלד בטחון איז דער עיקר פון יראת שמים און פון אמונה, איז דער מענטש דעריבער זוכה דורך איר צו חיי עולם הבא, עכ"ל.

**לערנען** מיר פון רבינו יונה'ס ווערטער, אַז דורך דערמאָנען די נסים און נפלאות וואָס האָבן פּאַסירט ביי יציאת מצרים, שטאַרקט זיך די אמונה און בטחון אין הארץ פון מענטש, און ממילא גלייבט ער דאָך אַז אויך איהם וועט דער אויבערשטער יעצט העלפן, און אַז ער איז מתפלל מיט אַזאַ אמונה, העלפט איהם טאַקע דער אויבערשטער מיט אַלעם גוטן אויף דער וועלט[יב].

**יב.** אין בריסק האָט געוואוינט אַ איד, ר' ישראל ניסנשטרוק ז"ל, וועלכער איז לכתחילה געווען אַ גרויסער עושר, אָבער דאָס רעדל האָט זיך ליידער איבערגעדרייט אויף איהם, און ער איז געוואָרן אַ יורד ל"ע. פאַרלירנדיג זיין גאַנצן פאַרמעגן. ער האָט זיך אַלזאָ גענויטיגט אין עטליכע טויזנט רובל, כדי צו קענען אָפּצאָלן אַלע זיינע חובות, ווי אויך צו קויפן נייע סחורה מיט וועלכע ער זאָל קענען האַנדלען און פאַרדינען געלט, און אַזוי וועט ער האָפנטליך קענען צוריקקומען צו זיין פריערדיגן שטאַנד.

וויבאַלד ער האָט אין בריסק און אין דער אומגעגנט, נישט געטראָפן עמיצן וואָס זאָל וועלן מקיים זיין ביי איהם די מצוה פון "אם כסף תלוה את עמי", האָט ער בלית ברירה באַשלאָסן צו פאָרן קיין לאָנדאָן, וואו עס האָט

געוואוינט דער באַרימטער נגיד ר' אנשיל ראָטשילד ז"ל, מיט'ן ציל צו בעטן פון איהם אַ הלוואה אויף אַ גרעסערן סכום. ליידער, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט אַפילו אויף די הוצאות פון די רייזע קיין לאָנדאָן, און ער האָט דעריבער פאַרקויפט אַ טייל פון זיינע חפצים, און דאָס געלט האָט ער איינגעטיילט אין צוויי חלקים, איין חלק האָט ער גענומען מיט זיך אויף די הוצאות הדרך, און דאָס איבעריגע האָט ער איבערגעלאָזט ביי זיינע בני בית, זיי זאָלן האָבן דערוויל צו לעבן, ביז ער וועט צוריקקומען פון לאָנדאָן, האָפנטליך, מיט אַ סכום געלט.

די רייזע קיין לאָנדאָן, האָט איהם געדויערט דריי חדשים. ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט ער זיך געאײַלט צו גיין צום באַראָן ראָטשילד. עס איז איהם אָבער געוואָרן "פינצטער פאַר די אויגן", ווען ער האָט געזעהן די הונדערטער "משולחים" וואַרטן אינעם פּאַלאַץ פון באַראָן ראָטשילד. אַלע גייען אַדורך פאַר די באַאַמטע פונעם באַראָן, וועלכע שענקען יעדן משולח אַ האַלבן רענדל, און אין בעסטן פאַל, אַ גאַנץ רענדל... האָט ער געטראַכט ביי זיך: וואָס וועל איך טוהן מיט אַן איינצעלנעם רענדל, אין דער צייט וואָס עס פעלט מיר אַמווייניגסטענס 3,000 רענדלער, כדי זיך צו קענען אַוועקשטעלן אויף די פיס... ער האָט אַזוי טראַכטנדיג אין זיין קלעם, אַפילו נישט געשפּירט ווי פון זיינע אויגן גיסן זיך הייסע טרערן...

די באַאַמטע פונעם באַראָן האָבן באַמערקט ווי פונדערווייטנס שטייט אַ איד, וועלכער זעהט אויס צו זיין אַן בכבוד'יגער מענטש, און פאַרגיסט הייסע טרערן. ווי עס ווייזט אויס, באַוויינט ער דאָ זיין ביטערן גורל... איז איינער פון זיי צוגעגאַנגען צו איהם, און איהם געזאָגט, "איך בין דאָ נישט מער ווי אַ באַאַמטער וואָס אַרבעט פאַר'ן באַראָן, און מיר האָבן נישט דאָס רעכט צו געבן יעדן איינעם מער ווי אַ רענדל, אָבער איך קען אייך געבן אַן עצה: פרייטאָג מיטאָג צייט, קומט אַריין דער באַראָן איבערצוקוקן די ליסטעס פון די צדקה-געלטער. זאָלט איר דאַן אַהער קומען, און איר זאָלט איר זיך אויסגיסן פאַר איהם דאָס האַרץ. ס'איז מעגליך אַז איר וועט געפינען חן ביי איהם אין די אויגן, און ער וועט ערפילן אייער בקשה.

ר' ישראל האָט אַזוי געטוהן. פרייטאָג מיטאָג, איז ער געקומען אין פּאַלאַץ, און רעדנדיג מיט'ן באַראָן, איז ער איהם געפאַלן, און ער האָט איהם איינגעלאַדנט צו קומען עסן ביי איהם די שבת'דיגע סעודות. ביי די סעודות שבת, האָט ר' ישראל נאָכגעזאָגט פאַרשידענע שיינע ווערטער אויף דער וואָך, און דער באַראָן, וועלכער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון איהם, האָט איהם געזאָגט, אַז ער זאָל באַלד מוצאי שבת אַריבערקומען, ווייל ער וויל רעדן מיט איהם.

מוצאי שבת, איז ר' ישראל ניסנשטרוק געקומען אין פּאַלאַץ פון באַראָן ראָטשילד, און ר' ישראל האָט זיך אויסגעגאָסן דאס הארץ פאַר איהם, אַז ער איז ביז יעצט געווען רייך, אבער לעצטנס איז ער ליידער געוואָרן אַ יורד ל"ע און ער נויטיגט זיך דרינגענד אין אַ הלוואה פון עטליכע טויזנט רובל, כדי זיך צו קענען צוריקשטעלן אויף די פיס. האָט דער באַראָן איהם געפרעגט, וויפיל איז זיין פאַרמעגן ווערד געווען אין די בעסטע צייטן, און ר' ישראל האָט געענטפערט, אַז אין די בעסטע צייטן, איז ער ווערד געווען אַרום צען טויזנט רובל. איז דער באַראָן אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, און האט אַרויסגעברענגט פון דאָרט די סומע פון צען טויזנט רובל (!) און עס דערלאַנגט פאַר ר' ישראל. ער האָט אויפגעשריבן אויף אַ צעטל זיין נאָמען, "באַראָן אַנשיל ראָטשילד", און זיין אַדרעס אין לאָנדאָן.

אַ דערשטוינטער צו זעהן אַזאַ ריזיגע סומע, האָט ר' ישראל שטאַרק באַדאַנקט דעם ברייטהאַרציגן באַראָן. ער האָט אָבער אויסגעדרוקט פאַר איהם זיין וואונדער, פאַרוואָס דאַרף ער אויפשרייבן זיין נאָמען און אַדרעס אויף אַ צעטל, אַז ער זאָל איהם שיקן פונדערהיים אַ דאַנק-בריוו, ער שטייט דאָך דאָ פאַר איהם און דאַנקט איהם דאָ גלייך אויפ'ן פלאַץ... האָט דער באַראָן איהם געענטפערט:

- איך זעה דאָך אַז דער 'שלימזל' לויפט אייך נאָך וואו איר גייט... צוליב דעם זענט איר מסתמא געוואָרן אַ יורד ל"ע, און ווער ווייסט אויב איר וועט נישט פאַרלירן אויך דאָס געלט וואָס איר האָט יעצט באַקומען פון מיר... דעריבער האָב איך אויפגעשריבן פאַר אייך מיין אַדרעס, כדי איר זאָלט נישט דאַרפן קומען נאָך אַמאָל אַ וועג פון דריי חדשים ביז לאָנדאָן, נאָר איר קענט אַריינשיקן אייער בקשה דורך די פּאָסט, און וויבאַלד איך קען אייך שוין, וועל איך אייך שיקן נאָך אַמאָל צעהן טויזנט רובל...!

מיט די מעשה, קען מען פאַרשטיין דעם פסוק (תהלים קיא, ד) "זכר עשה לנפלאותיו, חנון ורחום ה'". לכאורה איז שווער, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער פאַקט וואָס דער אויבערשטער איז אַ "חנון ורחום", מיט דעם וואָס דער

**דער** "קדושת לוי" זי"ע זאָגט אויפ'ן פסוק (טו, א) "אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה'", זאָגט רש"י, "ישיר, איז א לשון עתיד", דאס איז ווייל די אידן זענען געווען זיכער אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן מיט זיי אַ נס. און אויך וועגן דעם איז נחשון בן עמינדב איז אַריינגעשפרינגען אין ים, ווייל ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף די חסדים פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער וועט אוודאי מאַכן אַ נס מיט זיינע באַליבטע אידישע קינדער. ווי רש"י זאָגט אויך אויפ'ן פסוק (טו, כ) "ותקח מרים הנביאה אחות אהרן את התוף בידה, ותצאן כל הנשים אחריה - מובטחות היו צדקניות שבדור שהקדוש ברוך הוא יעשה להם ניסים", די ערליכע פרויען פון יענעם דור זענען געווען זיכער אַז דער אויבערשטער וועט טוהן מיט זיי נסים, "והוציאו תופים ממצרים" - און זיי האָבן מיטגעברענגט פון מצרים פויקן אויף וועלכע צו קלאַפן ווען די אידן וועלן זאָגן שירה אויף די נסים. [אַזוי זאָגט רש"י אויך אויפ'ן פסוק (תהלים קיד, ב) "היתה יהודה לקדשו" וגו', אַז מיט זיין גרויסן בטחון, איז נחשון אַריינגעשפרינגען אין ים נאָך איידער עס האָט זיך געשפּאָלטן].

**דאָס** איז אויך די כוונה פון רש"י אויפ'ן פסוק "מה תצעק אלי", כדאי האמונה שהאמינו בי". זעהען מיר, אַז דער גאַנצער נס האָט פּאַסירט נאָר אין זכות פון די אמונה וואָס די אידן האָבן דעמאָלטס געהאַט גלייבנדיג אינעם גרויסן באַשעפער ברוך הוא[ג].

**אַ** וואונדערליכן ביאור, זאָגט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב ("אילנא דחיי", בשלח, ד"ה "ויאמר ה'"), אויפ'ן פסוק (טז, ד) "ויאמר ה' אל משה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו, למען אנסנו הילך בתורתי אם לא", לויט ווי רבינו תם ז"ל שרייבט אין "ספר הישר", אַז דער הויפט פון אַלע גוטע מידות איז אמונה און בטחון, אַז דער מענטש זאָל גלייבן באמונה שלימה אַז דער אויבערשטער ברוך הוא פירט די וועלט און האַלט זיין השגחה פּרטית יעדע רגע, און ער געבט פאַר יעדן איינעם וואָס ער דאַרף האָבן. אַ מענטש קען נישט אָנרירן אין דעם וואָס איז אָנגעגרייט פאַר זיין חבר, אפילו מיט אַ האָר. אַזוי קומט דער מענטש צו בטחון, זיך צו פאַרלאָזן פולשטענדיג אויפ'ן אויבערשטען, אַז אַלעס וואָס איז גרייט פאַר איהם פון דעם אויבערשטען, וועט ער ממילא האָבן אָן קיין שום טירחא[ד], און אַזוי פאַרברענגט ער נישט זיינע טעג מיט נאַרישקייטן צו זוכן רייכטום, ווייל ער גלייבט דאָך אַז ער אַליין קען גאָרנישט טוהן, נאָר דאָס וואָס איז באַשטימט פאַר

---

אויבערשטער מאַכט אַ "זכר" פאַר זיינע וואונדער? נאָר לויט די דערמאנטע מעשה פון ר' ישראל ניסנשטרוק מיט'ן באַראָן ראָטשילד, קען מען אפשר זאָגן, דער אויבערשטער זאָגט צו זיינע ליבע אידישע קינדער: איר זאָלט געדענקען די וואונדערליכע נסים וואָס איך האָב געטוהן מיט אייך ווען איר זענט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַזוי אז אויב איר וועט זיך אַמאָל געפינען אין אַ צרה ח"ו, זאָלט איר זיך דערמאנען דעם 'אַדרעס' וואו מ'דאַרף זיך ווענדן אין אַ שווערע צייט... איר זאָלט מתפלל זיין צו מיר, און איך וועל זיך ווידער דערבאַרימען אויף אייך. דאָס איז די כוונה פון פסוק: "זכר עשה לנפלאותיו", מ'זאָל געדענקען די וואונדער פונעם אויבערשטען, "חנון ורחום ה'", ווייל דער דערבאַרימדיגער באַשעפער וויל שטענדיג טוהן גוטס מיט אידישע קינדער. און דאָס קען געשעהן דורך דעם וואָס מיר געדענקען יציאת מצרים און מיר זאָגן שירה פאַר'ן אויבערשטען.

**יג.** אַזוי טייטשט דער גאון רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל דעם פסוק (יד, יט) "ויסע מלאך האלוקים וגו' וילך מאחריהם", אַז דער ים האָט זיך צוריקגעצויגן, נישט צוליב דעם מלאך פון באַשעפער וואָס איז דאָרט געווען, "אלא מפני בני אנוש השָׂמים מבטחם בה'" - נאָר צוליב די מענטשן וואָס האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען.

**יד.** דער רבינו בחיי זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (טז, ד) אַז וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט נידערן דעם מן יעדע נאַכט ווען די אידן זענען נאָך געשלאָפן, און ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָבן זיי געטראָפן די מן גרייט אָן צו זיך דאַרפן באַמיען דערפאַר, זאָגט דער רבינו בחיי, אַז דאָס איז אונז צו לערנען, אַז דער מענטש וואָס גייט אין דעם אויבערשטען'ס וועגן, געפינט אויך זיין פרנסה אָן אַ באַמיאונג און האָרעוואַניע.

זאָגט דער רבינו בחיי, אַז דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק (תהלים קכז, ב) "שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת". "שוא לכם", די אַלע מענטשן וואָס רעדן זיך איין אַז זייער פרנסה ווענדט זיך אין זייער השתדלות. "משכימי קום, מאחרי שבת", זיי אַרבעטן פון צופרי ביז שפעט ביינאַכט צו מאַכן פרנסה, איז עס "שוא" - אַ פאַלשע איינרעדעניש.

שרייבט דער רבי ר' מענדעלע זי"ע, אַז נאָך דעם ווי עס איז שוין איינגעוואָרצלט געוואָרן אין האַרץ

איהם פון הימל, דאָס וועט ער האָבן - נישט מער און נישט ווייניגער.

---

פאַרוואָס? ווייל "כן יתן לידידו" - דער אויבערשטער גיט די פרנסה פאַר זיין פריינט. "שינה" - אויך ווען ער שלאָפט, אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן האָרעווען דערויף. דער מענטש טוט השתדלות, נאָר דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט איהם געהייסן טוהן השתדלות.

אַוודאי קומען מיר דאָ נישט אַראָפּנעמען פון דעם חיוב השתלדות, עס איז אַ חוב גמור, נאָר דער 'משתדל' טאָר נישט פאַרגעסן אַז עס איז נישט מער ווי אַ גזירה פון הימל אַז ער דאַרף טוהן השתדלות. די עצם השתדלות האָט נישט קיין שייכות מיט די רעזולטאַטן, וויפיל געלט ער זאָל פאַרדינען, און ער וועט קיינמאָל נישט פאַרדינען מער פון דעם וואָס ער וועט זיך מער משתדל זיין דערויף. ספּעציעל אויב עס קומט אויפ'ן חשבון פון רוחניות, ווי קביעות עתים לתורה, אָדער תפילה בציבור.

דער "חפץ חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ מענטש האָט אַ פעסל וואָס איז פול מיט וויין. דאָס ווענטל פונעם פעסל, האָט אַ קראַן פון וועלכן מ'נעמט אַרויס וויין. האָט דער אייגנטימער פונעם וויין געוואָלט אַריינשטעלן אין פעסל נאָך אַ קראַן, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אַזוי וועט אַרויסקומען מער וויין... איז דאָך דאָס נישט מער ווי אַ דמיון. דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש וואָס באַמיט זיך צו אַרבעטן מער שטונדן ("אָווערטיים" בלע"ז), און ער פאַרשטייט נישט אַז די גאַנצע פרנסה איז באַשטימט פון הימל, און די גאַנצע פאַרמערונג פון השתדלות איז אַזוי ווי צולייגן אַ קראַן צום פעסל וויין...

פון דער צווייטער זייט, טאָר מען זיך נישט צוריק האלטן פון צו טוהן השתדלות (ספּעציעל ווען דאָס אויסמיידן די השתדלות, איז צוליב פוילקייט), ווי די מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ איד אין ירושלים, וואָס האָט נעבעך געהונגערט פאַר אַ שטיקל ברויט און האָט נישט געהאַט אפילו אַ פּרוטה. ער האָט אָבער נישט געוואָלט טוהן די נויטיגע השתדלות, אויסצושטרעקן אַ האַנט אָדער גיין אין "בית התמחוי", וואו מ'טיילט מאָלצייטן פאַר אָרימע מענטשן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער איז אַוועק פון דער וועלט ל"ע, און מענטשן האָבן געזאָגט, אַז "דער איד איז נעבעך געשטאָרבן פון הונגער". האָט אויף דעם געזאָגט הרה"ק רבי נחום'טשע ראַכמיסטריווקער זי"ע:

- דער איד איז נישט געשטאָרבן פון הונגער, נאָר פון כבוד... ער איז געשטאָרבן ווייל עס האָט איהם נישט געפּאַסט אויסצושטרעקן אַ האַנט און בעטן הילף ביי אַנדערע...

אַזוי זאָגט דער מאָדזשיצער רבי, הרה"ק רבי שאול ידידי' אלעזר זצ"ל, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יז, יב) "ויהי ידיו אמונה". דאַרף מען פאַרשטיין, גלייבן, גלייבט מען מיט'ן קאָפּ. פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַז זיינע "הענט" זענען געווען מיט אמונה? זאָגט דער מאָדזשיצער רבי, אַז דאָ לערנען מיר, אַז דער מענטש איז טאַקע מחויב צו טוהן השתדלות, אבער נאר מיט זיינע הענט! דער קאָפּ זאָל זיין בלויז פאַר אמונה. נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר אַרבעטן מיט די הענט, און גלייבן אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ השתדלות, און נישט מער. אַזוי זאָגט דער ירושלמי (תוספות שבת לא.) "אמונת, זה סדר זרעים - שמאמין בחי העולמים וזורע". דורך זיין אמונה אין דעם אויבערשטען, זייעט ער איין דאָס פעלד און ער טוט השתדלות, אָבער "ידיו אמונה", ער גלייבט אַז נישט די "הענט" ברענגען די פרנסה, נאָר אַז די הענט זענען דער וועג דורך וועלכן דער אויבערשטער שיקט אַריין די ברכה, ווי דער פסוק זאָגט "וברכתיך בכל אשר תעשה".

ענדליך, זאָגט דער "חפץ חיים" (פ' בשלח עה"ת, בהערות) אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט נישט געשפּאָלטן דעם ים ביז די אידן זענען אַריינגעשפּרינגען דערין, כדי צו לערנען אידן אין אַלע דורות, אַז מ'דאַרף טוהן השתדלות, "אַריינשפּרינגען אין ים"... און נישט זיך דרייען ליידיג מיט'ן תירוץ אַז מ'גלייבט אַז דער אויבערשטער קען "שפּאַלטן דעם ים", אפי' אויב איך וועל גאָרנישט טוהן...

פון דער צווייטער זייט, איז אָבער פּשוט אַז אַזאַ "השתדלות" אַריינצושפּרינגען אין ים האָט גאָרנישט אויפגעטוהן, נאָר דער מענטש דאַרף טוהן זיין השתדלות, און דאַן איז דער אויבערשטער משפּיע אַז די ברכה זאָל קומען, אָן אַ שייכות מיט דעם וואָס דער מענטש האָט געטוהן. די השתדלות איז נישט מער ווי אַ גזירה וואָס דער גרויסער באַשעפער האָט גוזר געווען.

פונעם מענטש די ריכטיגע אמונה און בטחון, וואָס זענען ווי "תרין רעין דלא מתפרשין"[טו] - צוויי אומצעטיילבאַרע פריינט - וועט ער ממילא לייכט קענען מקיים זיין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך"[טז], ווייל ער וועט קיינמאָל נישט מקנא זיין דעם חבר אויב ער האָט מער פון איהם, און אַפילו אויב דער חבר וועט איהם משיג-גבול זיין, צום ביישפיל, אויב דער חבר עפּענט אַן ענליכע געשעפט ווי ער האָט, וועט עס איהם בכלל נישט באַדערן, ווייל עס איז איינגעוואָרצלט אין זיין האַרץ אַז דאָס איז נישט זיין חלק, און וואָס עס איז באַשטימט פאַר איהם פון הימל, וועט קיינער נישט קענען צונעמען פון איהם...

**דאָס** האָט דער אויבערשטער געזאָגט: "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", באמת בין איך אימשטאַנד ענק צו געבן ברויט אויף איין מאָל, אַז עס זאָל זיין גענוג אויף עטליכע טעג, און פונדעסטוועגן, געב איך ענק נאָר איינמאָל, יעדן טאָג באַזונדער, "ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו" - כדי איינצובאקן אין ענקערע הערצער די מדה פון אמונה און בטחון, אַז דער אויבערשטער געבט יעדן טאָג די פרנסה, "מי שברא יומו, ברא פרנסתו" - דער באַשעפער וואָס האָט באַשאַפן דעם טאָג, האָט באַשאַפן די שפּייז פאַר'ן מענטש אין דעם טאָג.

**און** דער פסוק פירט אויס: "למען אנסנו", דער אויבערשטער וויל אונז אויספּרובירן אויב מיר געדענקען אַז דאָס אַרבעטן פלייסיג פאַר די פרנסה, העלפט נישט גאָרנישט, ווי עס שטייט ווייטער (פסוק יח) "וימודו בעומר, ולא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר". דאַן "הילך בתורתי" - וועלן זיי גיין אויפ'ן וועג פון די תורה, און זייער גאַנצע עבודת השם וועט זיין בשלימות.

**דער** רבי ר' מענדעלע ענדיגט צו, אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק (תהלים קיט, פו) "כל מצותיך אמונה", דער מענטש וואָס האָט אמונה, איז ריכטיג

---

**טו.** אויב אַ מענטש פרעגט זיין חבר צו ער גלייבט אינעם באַשעפער, וועט דער חבר אַוודאי ענטפערן: "וואָס הייסט צו איך גלייב? פאַרוואָס ביזטו מיך חושד? דו ווייסט דאָך אַז די חז"ל זאָגן (שבת צז.) 'ישראל מאמינים בני מאמינים'...". אָבער אויב ער וועט איהם פרעגן אויב ער איז רואיג און זיכער אַז דער אויבערשטער וועט פאַר איהם צושטעלן אַלע זיינע הצטרכות'ן, וועט ער ענטפערן מיט אַ האַלב מויל, "הלוואי זאָל איך זוכה זיין צו די דאָזיגע מדריגה". און דער אמת איז, אַז אַזאַ איינער איז זיך אַליין סותר, ווייל אמונה און בטחון זענען אָנגעהאָנגען איינס אין אַנדערן. דער מענטש וואָס גלייבט באמונה שלימה אַז דער באַשעפער פירט די גאַנצע וועלט, איז ער דאָך "פאַרזיכערט" אַז דער אויבערשטער וועט איהם צושטעלן אַלע זיינע באַדערפענישן, און אויב ער איז נישט זיכער דערין, איז אַ סימן אַז עס פעלט איהם אויך אמונה.

**טז.** אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טז, כ) "ויותירו אנשים ממנו עד בוקר", זאָגט רש"י: "דתן ואבירם". אויך אויפ'ן פסוק אין פרשת שמות (ב, יג) "וירא שני אנשים עברים נצים", און משה האָט געזעהן צוויי אידן זיך קריגן, זאָגט רש"י, אַז דאָס זענען געווען דתן און אבירם, וואָס האָבן איבערגעלאָזט פונעם מן. פאַרוואָס כאַפּט רש"י אָן אַלס טייל פון זייער "רשעות" אַז זיי האָבן איבערגעלאָזט פונעם מן, און נישט דאָס וואָס זיי האָבן אויפגעהעצט די אידן ביי די מחלוקת פון קרח?

קען מען ענטפערן, אַז רש"י האָט צוגעגליכנט די צוויי זאַכן איינס צום אַנדערן, ווייל דתן און אבירם האָבן "איבערגעלאָזט פונעם מן", דערפאַר ווייל זיי האָבן געזאָרגט וועגן דעם מאָרגנדיגן טאָג, פון וואו וועלן מיר נעמען פרנסה... קומט אויס, אַז זיי האָבן נישט געהאַט גענוג אמונה אַז די פרנסה קומט פון הימל. זיי האָבן געהאַלטן אַז דער מענטש באַקומט אַליין זיין שפּייז דורך זיין אַרבעט און השתדלות, און וועגן דעם האָבן זיי געזאָרגט וואָס עס וועט זיין מאָרגן. אַזאַ איינער איז אויך ברוגז אויף אַנדערע און קריגט זיך מיט זיי אַז זיי נעמען אַוועק פון איהם די פרנסה, דערפאַר טאַקע האָבן דתן און אבירם זיך דעמאָלטס געקריגט, און געהויבן אַ האַנט איינער אויפ'ן אַנדערן.

פון דעם לערנען מיר, אַז אויב דער מענטש ווייסט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, איז ער רואיג און זאָרגט נישט וועגן דעם מאָרגנדיגן טאָג. אויך קומט ער נישט צו זיך קריגן מיט אַנדערע, ווייל ער אנערקענט אַז אַ מענטש קען פון איהם נישט צונעמען אַפילו אַ פּרוטה, אויב עס איז נישט באַשערט פון הימל.

מקיים אַלע מצוות, ווייל אמונה איז די גרעסטער צייכן אויפ'ן קיום פון די תורה, עכ"ד.

**כאשר ירים משה ידו - דער אויבערשטער וואַרט צו הערן דיין תפילה**

**ויחנו** ברפידים ואין מים לשתות העם וגו', ויצמא שם העם למים וגו' (יז, א-ג).

**פרעגט** דער "אור החיים" הקדוש, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אַריינגעברענגט די אידן אין אַזאַ גרויסן נסיון, אויסצוגיין פון דורשט? אַזאַ זאַך קען דאָך ברענגען כפירה ח"ו?

**ענטפערט** דער "אור החיים" הקדוש, אַז דער אויבערשטער האָט דאס ספּעציעל געטוהן, כדי זיי צו לערנען אַ וועג פון אויפצוהייבן זייערע אויגן און מתפלל זיין צום אויבערשטען. דאָס איז אַ גרויסער עיקר פאַר די השלמת הנפש פון מענטש. און אויך וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז דער מן זאָל נישט פאַלן איין מאָל א חודש, נאָר יעדן טאָג באַזונדער, כדי די אידן זאָלן דערפאַר מתפלל זיין צום באַשעפער.

**לויט** דעם, איז דער "אור החיים" הק' מסביר, דאס וואס משה רבינו ע"ה האָט געשריגן, "מה אעשה לעם הזה, עוד מעט וסקלוני" (יז, ד). לכאורה, פאַרוואס האט משה נישט געזאָרגט וועגן דעם וואָס די אידן זענען דורשטיג און קענען ח"ו אויסגיין פון דורשט? נאָר אַז זיי זאָלן איהם נישט פאַרשטיינערן.

**ענטפערט** דער "אור החיים" הקדוש, אַז משה האָט פאַרשטאַנען אַז דער אויבערשטער וויל זיי צווינגען מתפלל צו זיין צו איהם. צוליב דעם האָט משה נישט אַליין מתפלל געווען, ווייל דאַ האָט אויסגעפעלט אַז אַלע אידן זאָלן מתפלל זיין דערפאַר. אָבער משה האָט גע'טענה'ט צום אויבערשטען: אויב דו וועסט זיי מצער זיין נאָך אַביסל, ביז זיי וועלן שרייען צו דיר, און דו וועסט אויספירן וואָס דו האָסט געוואָלט (אַז אידן זאָלן דאַווענען), אָבער ביז דערווייל, וועט שוין משה חלילה פאַרשטיינערט ווערן. "וזו טענה הנשמעת" - און דאָס איז אַ טענה וואָס מ'קען דערהערן.

**זאָגט** דער "אור החיים" ווייטער, ס'איז טאַקע שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי די אידן, דעם באַשעפער'ס הייליג פאָלק, וואָס האָבן געזעהן אַזעלכע גרויסע וואונדער אין מצרים, ביים ים, און אין מדבר, זאָלן האָבן אַזאַ טעות, און נישט שרייען צום אויבערשטען. זיי האָבן דאָך שוין געוואוסט וואָס פאַראַ תועלת עס ברענגט דאָס שרייען, ווייל דער אויבערשטער האָט געהערט זייער געשריי אין מצרים.

**זאָגט** דער "אור החיים" הקדוש, אַז ס'איז מעגליך אַז די אידן האָבן געהאַלטן אַז עס פעלט נישט אויס מתפלל צו זיין, אַזוי לאַנג ווי דער אויבערשטער געפינט זיך צווישן זיי, ווייל אויב ער האָט זיי געברענגט אין מדבר, האָט ער דאָך דאָס אַוודאי געטוהן פאַר זייער טובה, ווייל אויב נישט, זענען זיי פאַרלוירן ח"ו און זיי וועלן נישט דאַרפן דאַווענען. אלא מאי, מוז דאָך זיין אַז דער אויבערשטער געפינט זיך נישט צווישן זיי. דאָס איז דער געווען דער נסיון וואָס די אידן האָבן געזאָגט "היש ה' בקרבנו" (פסוק ז'), עכ"ל.

**קומט** אויס פון די ווערטער פון "אור החיים" הקדוש, אַז די אידן האָבן געהאַלטן, אַז אויב דער אויבערשטער געפינט זיך צווישן זיי, דאַרפן זיי מער נישט מתפלל זיין, און דאָס איז געווען זייער טעות, ווייל דער באַשעפער וויל אַז מ'זאָל מתפלל זיין צו איהם, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב מ'געפונט זיך, ווי שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט (שה"ש ב, ד) "השמיעיני את קולך". אָן תפילה, קען מען גאָרנישט באַקומען[יז].

**ביים** סוף פון דער היינטיגער סדרה (ז, יא) וואו עס רעדט זיך וועגן מלחמת עמלק, שטייט אין פסוק: "והיה כאשר ירים משה ידו, וגבר ישראל". זאָגט דער

**יז.** די תפילה דאַרף אבער זיין פון טיפן האַרצן און מיט די געהעריגע כוונה, און נישט סתם "מצוות אנשים מלומדה", ווי רבינו עובדיה ברטנורא זצ"ל טייטשט (אין זיין ספר "עמר נקא") אויף די ווערטער פון רש"י אין דער היינטיגער פרשה (יד, י) "ויצעקו בני ישראל אל ה', תפסו אומנות אבותם". די אידן האָבן אָנגעכאַפּט די פאַך פון זייערע עלטערן. זאָגט דער ברטנורא, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו ע"ה, דער חסרון פון זייער תפלה איז, ווייל זיי דאַווענען נאָר דערפאַר ווייל זייערע אבות האָבן זיך געפירט צו דאַווענען אין צייט פון אַ צרה, אָבער נישט

"תרגום יונתן": "והוה כד זקף משה ידוי בצלוי, ומתגברין בית ישראל, וכד הוה מנח ידוי מן למצלייא ומתגברין דבית עמלק". ווען משה האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צו דאַוונען, האָבן די אידן זיך געשטאַרקט אויף עמלק, און ווען ער האָט אַראָפּגעלייגט זיינע הענט פון צו בעטן, זענען די מענטשן פון עמלק געווען שטאַרקער. אַזוי זאָגט אויך רש"י אויפ'ן פסוק "ויהי ידיו אמונה" - "פרושות השמים בתפלה נאמנה ונכונה". משה'ס הענט זענען געווען אויסגעשטרעקט צום הימל מיט אַ באַגלייבטע און אמת'ע תפילה. זעהט מען אַז די אידן האָבן נישט געזיגט איבער עמלק, מיט'ן כח פון זייער מיליטער, נאָר מיט'ן זכות פון משה'ס תפילות.

**נאָך** מער, זאָגט דער מהרש"א (ברכות נד: חידושי אגדות, ד"ה "ואבן שישב עליה משה") אויף די ווערטער פון די גמרא, "הרואה אבן שישב עליה משה בשעה שעשה יהושע מלחמה בעמלק, צריך שיתן הודאה ושבח לפני המקום". ווען אַ מענטש זעהט דעם שטיין אויף וועלכן משה רבינו ע"ה איז געזעסן אין דער צייט ווען יהושע האט מלחמה געהאלטן מיט עמלק, דאַרף ער לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען.

**זאָגט** דער מהרש"א, לויט דעם קומט אויס, אַז אויף אַן אָרט וואו עס האָט פּאַסירט אַ נס, דאַרף מען מאַכן אַ ברכה (אויפ'ן נס). און דעריבער איז דער "ראש הגבעה" - וואו עס געפינט זיך דער שטיין - דאָס איז דער אָרט פונעם נס וואו עס האָט פּאַסירט דער נצחון פון די מלחמה, ווייל דאָרט האָט משה אויפגעהויבן זיינע הענט און געדאַוונט און אַזוי האָבן די אידן זיך געשטאַרקט קעגן עמלק, עכ"ל.

**זעהען** מיר פון דעם, אַז דער נצחון האָט פּאַסירט אויף דעם אָרט וואו מ'הייבט אויף די הענט צום הימל און מ'דאַוונט, און נישט אויפ'ן אָרט וואו עס קומט פאָר די מלחמה. די מלחמה קומט נישט פאָר אויפ'ן שלאַכטפעלד, נאָר דאָרט וואו מ'דאַוונט, ווייל מיט תפילה אונטערטעניגט מען די שונאים.

### ויאמינו - אַ איד דאַרף זיך אַליין מחשיב זיין

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יד, לא) "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", זאָגט הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע ("צדקת הצדיק", אות קנד): "כשם שצריך אדם להאמין בהשם יתברך, כך צריך אחר כך להאמין בעצמו", פונקט אַזוי ווי דער מענטש דאַרף גלייבן אין דעם אויבערשטען, דאַרף ער דערנאָך גלייבן אין זיך אַליין, אַז דער אויבערשטער האָט אַ געשעפט מיט איהם, און אַז ער, דער מענטש, איז נישט אַ "פועל בטל" ח"ו. ער דאַרף גלייבן אַז זיין נפש קומט פון דער באַשעפער ברוך הוא, און דעריבער איז דער אויבערשטער זיך משתעשע מיט איהם ווען ער טוט זיין ווילן[יח]. דאָס איז די כוונה פון פסוק, "ויאמינו בה' ובמשה עבדו". "משה" איז מרמז אויף כלל ישראל - די 600 טויזנט אידן פון יענעם דור. דאָס הייסט, די אידן האָבן געגלייבט

---

דערפאַר ווייל זיי אנערקענען באמת אַז זיי האָבן נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך, נאָר אויפ'ן אויבערשטען. דאָס איז נישט אַ ריכטיגער וועג פון תפלה.

מ'קען זאָגן בפשטות, אויף די ווערטער פון רש"י, "תפסו אומנות אבותם", אַז תפלה דאַרף זיין ווי אַן "אומנות". פונקט אַזוי ווי אַ פאַכמאַן זוכט כסדר צו פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן זיין פאַך, אַזוי איז מיט תפלה. מ'דאַרף כסדר זעהן מתפלל צו זיין, און אַזוי פועל'ט מען ביי דעם אויבערשטען אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן, ברוחניות ובגשמיות.

**יח.** דער מענטש זאָל נישט זאָגן, "איך בין אַ רשע און 'נישט מיך מיינט מען'...", ווייל מיר געפינען אין דער היינטיגער סדרה, אויפ'ן פסוק (טו, יב) "תבלעמו ארץ", זאָגט רש"י, אַז די מצריים האָבן זוכה געווען צו קבורה ווייל זיי האָבן געזאָגט "ה' הצדיק". זעהט מען פון דעם, אַז אפילו אַזאַ רשע ווי פרעה, וואָס ער האָט געזאָגט "ה' הצדיק" נאָר פאַר איין מינוט, און ער האָט תיכף חרטה באַקומען אויף זיינע ווערטער, האָט דער אויבערשטער אויך דאָס מחשיב געווען און האָט איהם באַצאָלט שכר דערפאַר.

הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, דריי זאַכן זענען אַ ברכה פאַר'ן מענטש ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט: א) עס זאָל זיך געפינען אַ מנין פון צען אידן בשעת יציאת נשמה. ב) ער זאָל זוכה זיין מ'זאָל טובל'ען זיין קערפּער נאָך זיין פטירה. ג) דאָס געלט פון זיין ירושה זאָל אָנקומען אויף גוטע פלעצער. און צו די דריי זאַכן, האָבן די מצריים זוכה געווען: זיי זענען געשטאָרבן במעמד 600 טויזנט אידן; זיי האָבן זוכה

אַז יעדער איינער פון זיי האָט אַ כח אין הימל, און אַז דער אויבערשטער גליסט אין זיי.

**מיר** קענען, און מיר דאַרפן פון דעם אַרויסנעמען אַ געוואַלדיגע חיזוק, ספּעציעל אין היינטיגן דור, ווען עס הערשט ליידער אַ מאַנגל אין אמונה. מ'דאַרף געדענקען אַז דער יצר הרע קען אָפּקילן דעם מענטש ווען ער טענה'ט מיט איהם, "ווער ביזטו, און וואָס איז ווערד דיין גאַנצע עבודה?". איז די עבודה פון יעדן איד, זיך אַוועקצושטעלן קעגן דעם יצר הרע און אויסשרייען: "איך בין גרויס... איך בין הייליג... יעדע פּעולה וואס איך טוה, דערגרייכט צום כסא הכבוד, און פּועל'ט גרויסע זאַכן" [יט].

**אַזוי** זאָגט הרה"ק רבי אברהם חיים מזלאטשוב זי"ע, אין ספה"ק "אורח לחיים" (פ' האזינו) אויפ'ן פּסוק (דברים לב, כ) "כי דור תהפּוכות המה, בנים לא אמון בם". יעדער איד איז בכח איבערצודרייען וועלטן, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות. די סיבה פאַרוואָס זיי פירן נישט אַדורך אַזעלכע מהפּכות, איז דערפאַר ווייל "בנים לא אמון בם" - זיי גלייבן נישט אין זייער אייגענעם כח.

**די** גמרא זאָגט (ערכין טו.) אַז די אידן פון יענעם דור (דער דור המדבר) האָבן געהאַט ווייניג אמונה. דער פּסוק זאָגט (תהלים קו, ז) "וימרו על ים בים סוף, ויושיעם למען שמו", און פון דעם לערנען מיר, אַז די אידן האָבן ווידערגעשפּעניגט אין יענע צייט און געזאָגט, ס'איז מעגליך, אַז פּונקט אַזוי ווי מיר גייען אַרויף אויפ'ן ים פון איין זייט, אַזוי גייען די מצריים אַרויף פון אַ צווייטע זייט פון ים.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ווי אַזוי איז מעגליך אַז אין אַ צייט ווען אידן האָבן זוכה געווען צו אַזאַ התגלות אלקית, אַז אַפילו אַ פּשוט'ע דינסט האָט געזעהן אויפ'ן ים די הייליגע שכינה, און געוויזן מיט'ן פינגער און געזאָגט "זה א-לי ואנוהו", אָבער פונדעסטוועגן, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געגלייבט אין באַשעפער מיט'ן גאַנצן האַרץ?

**ענטפערט** אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, אַז אוודאי האָבן די אידן געגלייבט אין דעם אויבערשטען, ווייל זיי האָבן דאָך איהם געזעהן "עין בעין". נאָר וואָס דען, זיי האָבן נישט געגלייבט אין זיך אַליין, אַז זיי זענען ראוי צו אַ נס, געראַטעוועט צו ווערן פון די מצריים. זיי האָבן דעריבער מורא געהאַט אַז דער ים וועט זיך שפּאַלטן אויך פאַר די מצריים, און זיי וועלן אַרויפגיין פון אַן אַנדערע זייט. וועגן דעם ווערן זיי אָנגערופן "קטני אמנה", מענטשן מיט ווייניג אמונה, ווייל זיי האָבן נישט געגלייבט אַז יעדער איינער פון זיי איז בכח אויפצוטוהן אויף דער וועלט.

**למען אנסנו - דורך נסיונות ווערט מען דערהויבן**

**אין** דער היינטיגער סדרה (טז, ד) לייענען מיר, "למען אנסנו הילך בתורתי אם לא". דער אויבערשטער זאָגט, איך וועל אויספּרובן די אידן אויב זיי וועלן גיין אין וועג פון מיין תורה, אָדער נישט.

---

געווען צו אַ "טבילה" אין די וואַסערן פון ים סוף, און זייער גאָלד און זילבער איז אָנגעקומען אין גוטע ערטער - אין די הענט פון די אידן...

**יט.** דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זי"ע זאָגט ("נפש החיים", שער א', סוף פ"ט, דרשות מהר"ח שה"ש א, ט, און זעה אויך ספה"ק "נועם אלימלך", ליקוטי שושנה, ד"ה "לסוסתי") ביי קריעת ים סוף, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה רבינו ע"ה (פרשתנו יד, טו) "מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו". דער אויבערשטער האָט געוואָלט מרמז זיין, אַז עס ווענדט זיך אין די אידן. אויב זיי וועלן האָבן שטאַרקע אמונה און בטחון און וועלן אַריינגיין אין ים אַריין, און וועלן זיין זיכער ביי זיך אַז דער ים וועט זיך שפּאַלטן פאַר זיי, וועלן זיי דערמיט גורם זיין אַ התעוררות אין הימל, אַז עס וועט פּאַסירן דער נס און דער ים וועט זיך שפּאַלטן פאַר זיי. דאָס איז די כוונה פון פּסוק "לסוסתי ברכבי פּרעה דמיתיך רעיתי". פּונקט אַזוי ווי די פערד פון פּרעה האָבן געפירט די מצריים - פאַרקערט ווי געווענליך, אַז דער רייטער פירט זיין פערד, אָבער ביי פּרעה און זיין אַרמיי, האָבן די פערד זיי געפירט. אַזוי "דמיתיך רעיתיך", פירט זיך דער אויבערשטער כביכול מיט די אידן. כאָטש ער איז דער "רוכב ערבות", לאָזט ער זיך "פירן" כביכול דורך די מעשים פון די אידן.

אויף דעם זאָגט דער פּסוק (דברים לג, כו) "רוכב שמים בעזרך". אידן "העלפן" כביכול דעם אויבערשטען, צו "רייטן" אויפ'ן הימל. דאָס איז אויך די כוונה פון די ווערטער פון די חז"ל "העבודה צורך גבוה", יעדער איד מיט זיין עבודה אויף דער וועלט, פירט כביכול אַלעס וואָס פּאַסירט אין די עולמות העליונים.

**דער** תכלית פון באַשאַפן די וועלט איז געווען כדי דער מענטש זאָלביישטיין די נסיונות, ווייל מלאכים האָט דער אויבערשטער געגוג אויפ'ן עולם העליון, ווי מיר זאָגן ("אקדמות") "חיל אלף אלפין ורבוא לשמשותא". דעם גרעסטן נחת רוח האָט דער אויבערשטער פונעם מענטש, אַ "קרוץ מחומר", ווען ער שטאַרקט זיך אויף זיין נסיון[כ].

**אַזוי** האָט געטייטשט דער לעכעוויטשער זי"ע (מובא בס' "תורת אבות", ד"ה "למען אנסנו") דעם פסוק "למען

---

**כ.** דער "בית אברהם" (פ' וישב) ברענגט אַ מורא'דיגע מעשה וואָס האָט פאַסירט ביי דעם גאון וקדוש רבי נפתלי כ"ץ זצ"ל אבד"ק פויזנא, און מחבר פון ספר "סמיכות חכמים". אַמאָל איז דער בעל "סמיכות חכמים" איינגעלאַדנט געוואָרן אין קעניגליכן פּאַלאַץ. ווען די טאָכטער פונעם קעניג האָט איהם געזעהן, האָט זי איהם געוואָלט איבעררעדן רח"ל חתונה צו האבן מיט איהם, עד כדי כך אַז זי איז קראַנק געוואָרן דערפון ל"ע. עס איז אויסגעקומען אַז זי איז געבליבן מיט איהם אַליין אין צימער, טראַגנדיג אַ נישט צניעות'דיג העמדל. מיט זיין חכמה און צדקות, האָט אָבער רבי נפתלי באַוויזן איר צוצורעדן אַז ער איז נישט שייך צו דעם ענין, און אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן.

ווען דער קעניג האָט איהם געוואָלט איבערבעטן פאַר'ן בזיון וואָס ער האָט געליטן, האָט רבי נפתלי געזאָגט אַז ער פאַרלאַנגט פון איהם נאָר דאָס העמדל וואָס זי האָט דעמאָלטס געטראָגן, און ער האט זיך געדארפט שטארקן אויפן נסיון נישט צו קוקן אויף איר, און ער האָט באַפוילן מ'זאָל מאַכן דערפון "תכריכים" נאָך זיין הסתלקות, כדי עס זאָל איהם שיצן קעגן די מזיקין זיי זאָלן איהם נישט קענען שלעכטס טוהן.

דער באַרימטער סלאָנימער חסיד הגה"צ רבי אהרן יוסף לוריא זצ"ל, מחבר פון "עבודת פנים", פלעגט זאָגן, אַז מ'דאַרף פאַרשטיין וואָס ס'איז די מעלה פון די שירה וואָס משה און די אידן האָבן געזונגען ביים ים סוף, אַלע חיות זינגען דאָך שירה פאַר דעם אויבערשטען, ווי עס ווערט געברענגט באריכות אין "פרק שירה". נאָר דער אויפטוה פון די שירה וואָס די אידן האָבן געזונגען איז געווען, ווייל די חיות זינגען שירה ווייל אַזוי איז זייער נאַטור צו זינגען, אָבער די שירה פון די אידן איז געווען אין אַ מצב פון "באו מים עד נפש", זיי האָבן געמיינט אַז זיי ווערן דערטרינקען אין ים ח"ו, און פונדעסטוועגן האָבן זיי געזונגען שירה. אַזאַ שירה גייט אַרויף פאַר'ן אויבערשטען ברוך הוא. מיט דעם שטייט דער מענטש העכער ווי די בהמה, אַז ער קען זיך שטאַרקן אויף די טבע פאַר'ן אויבערשטען ברוך הוא.

הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל זאָגט ("תורת אבות", ד"ה "זה") אויפ'ן פסוק (טו, ב) "זה אל-י ואנוהו, אלוקי אבי וארוממנהו". ווען אַ איד זאָגט: "זה א-לי" - ער איז מיין ג-אָ-ט, ער נעמט אויף זיך דעם אויבערשטען'ס געטליכקייט לויט זיין מדרגה, זאָגט דער אויבערשטער אַנטקעגן איהם: "ואנוהו" - איך וועל וואוינען ביי איהם ("ואנוהו" איז פון לשון דירה - "נוה"), אַז דער אויבערשטער וויל וואוינען מיט איהם אין איין דירה. אָבער אויב דער מענטש מאַכט נישט קעניגן דעם אויבערשטען אויף זיך, נאָר ער פאַרלאָזט זיך נאָר אויף זיין גרויסן יחוס, ער זאָגט "אלוקי אבי", דאַן "וארוממנהו", טוט דער אויבערשטער זיך אויפהייבן פון איהם. דער עיקר איז וואָס דער מענטש געבט אַוועק פון זיך וואָס ס'איז איהם שווער צו טוהן, דאָס ווערט נתייחס אויף זיין נאָמען. אָבער אויב ער איז נישט מקריב פון זיין בלוט און פעטס, איז ער ווי דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, האָט געפרעגט, ווי אַזוי קען ער זאָגן "זה א-לי", מיט וואָס איז ער "מיינער"... וואָס האָב איך געגעבן פאַר איהם?...

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט, מיר זאָגן "אלוקינו ואלוקי אבותינו". צוערשט דאַרף זיין "אלוקינו" - דער מענטש זאָל מאַכן קעניגן דעם אויבערשטען איבער זיך. דערנאָך קען זיין "ואלוקי אבותינו"...

לויט די דערמאַנטע ווערטער פונעם בעל שם טוב, האָט געזאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע: קודם דאַרף זיין "זה א-לי", דער מענטש זאָל מאַכן דעם אויבערשטען פאַר אַ קעניג איבער איהם, און דערנאָך "אלוקי אבי", זאָל ער זאָגן אַז דער אויבערשטער איז אויך דער גאָט פון מיינע עלטערן.

פון דער צווייטער זייט, אָבער, אויב דער מענטש איז חלילה אין אַ נידעריגן מצב, זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן אַז ער שטאַמט פון די הייליגע אבות אברהם, יצחק, און יעקב, און ער קען שטענדיג אומקערן זיך צו זיין מקור און שורש. אַזוי טייטשן די ספרים וואָס רש"י זאָגט: "תפשו אומנות אבותם בידם", די אידן האָבן דאָך ערשט גע'טענה'ט "המבלי אין קברים במצרים", איז ווי אַזוי האָבן זיי שוין געקענט מתפלל זיין און אַריינשפּרינגען אין ים מיט מסירות נפש? נאָר זיי האָבן אָנגעכאַפּט די פאַך פון זייערע עלטערן, זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין זייערע הייליגע אבות, און אַזוי האָבן זיי נישט פאַרלוירן זייער האָפענונג אפילו אין אַזאַ שווערן מצב.

אנסנו הילך בתורתי", אויך ווען ער איז אין אַ מצב פון "אם לא"... דאָס הייסט, ער געפינט זיך אין אַ שווערע צייט פון הסתרה, און פונדעסטוועגן שטאַרקט ער זיך צו גיין אויפ'ן גלייכן וועג. דאָס איז די הויפט חשיבות פון אַ איד, אַז ער שטייט פעסט צו שטאַרקן זיך אויך אין שווערע צייטן מיט ריינע אמונה[כא].

---

אַ יונגערמאַן פון ארץ ישראל, וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער וואָס איזליידער געווען נישט געזונט ל"ע און איז געלעגן באַוואוסטלאָז אין אַ שפּיטאָל אין באר שבע, האָט אַמאָל געהערט פון אַ מגיד (אין נאָמען פון ספרים), אַז ווען אַ איד שטאַרקט זיך אויף אַ גרויסן נסיון, און ער הייליגט זיך און צעברעכט זיין טבע פאַר'ן באַשעפער'ס וועג, ווערן אין יענע שעה געעפענט פאַר איהם אַלע טויערן פון הימל, און ער קען אויס'פועל'ן אלעס וואָס ער דאַרף האָבן.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די דאָקטוירים געדאַרפט האָבן פאַר די חולנית אַ געוויסן מעדיצין וואָס זיי האָבן נישט געהאַט אין באַזיץ. דעם דאָזיגן מעדיצין, האָט מען געקענט באַקומען נאָר אין תל אביב. איז דער יונגערמאַן אַריבערגעפאָרן קיין תל אביב, צו קויפן דעם מעדיצין פאַר זיין טאָכטער.

אַראָפּשטייגנדיג פון אויטאָבוס אין תל אביב, איז איהם אַנטקעגן געקומען פאַר די אויגן, אַ סצענע וואָס איז נישט געווען אויסגעהאַלטן, אָבער דער יונגערמאַן האָט זיך מתגבר געווען און האָט מיט אַלע כוחות געהיטן זיינע אויגן נישט נכשל צו ווערן ח"ו. ער איז טאַקע בייגעשטאַנען דעם נסיון, און ער האָט זיך אויפ'ן אָרט דערמאַנט אין די ווערטער וואָס ער האָט געהערט פון יענעם מגיד. איז ער געגאַנגען אין אַ ווינקל, וואו ער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר'ן אויבערשטען, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין קינד און איר שיקן פון הימל אַ רפואה שלימה.

ווען ער האָט געענדיגט מתפלל זיין, האָט ער געוואָלט צוגיין צום געשעפט וואו מ'פאַרקויפט די דערמאַנטע רפואה. אינצווישן, האָט זיין בני בית זיך פאַרבונדן מיט איהם, און נישט קענענדיג אַרויסזאָגן אַפילו אַ וואָרט, האָט זי זייער געוויינט אויפ'ן טעלעפאָן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס איז געווען אַ געוויין פון התרגשות, און ווען זי האָט זיך באַרואיגט נאָך עטליכע מינוט, האָט זי דערציילט פאַר'ן מאַן אַז זייער טאָכטער האָט זיך אויפגעכאַפּט עטליכע מינוט פריער, און צו די שטוינונג פון די דאָקטוירים וואָס האָבן זי אונטערזוכט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מחלה האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין צוביסלעך, און מ'נויטיגט זיך שוין נישט אין דעם מעדיצין...

אט דאס איז דער גרויסער כח פון אַ מענטש וואָס שטאַרקט זיך קעגן זיין טבע!

אַן עלטערער בחור וואָס לערנט אין אַ חשוב'ע ישיבה, האָט מיר דערציילט, אַז אין זיין ישיבה האָט געלערנט אַ בחור וואָס האָט איהם זייער מצער געווען. יענער בחור האָט חתונה געהאַט זונטאָג פרשת בא שנת תשע"ז, און דער בחור האָט זיך געפונען אין אַ דילעמע, ווייל יענער חתן האָט דאָך איהם אַזוי מצער געווען, און דערצו, איז אין די זעלבע נאַכט פאָרגעקומען די חתונה פון נאָך אַ תלמיד פון די ישיבה, אַזוי אַז דער (עלטערער) בחור האָט געהאַט אַ גוטן תירוץ פאַרוואָס ער קען נישט קומען צו די חתונה פון דעם בחור וואָס האָט איהם געמאַכט עגמת נפש, ווייל נאָך אַ חבר פון ישיבה האָט חתונה געהאַט...

פונדעסטוועגן, אָבער, האָט ער באַשלאָסן צו ברעכן זיין טבעיות'דיגן רצון, און ער איז געגאַנגען צו די חתונה פון דעם בחור וואָס האָט איהם פאַראורזאַכט צער און עגמת נפש, און ער האָט דאָרט אַפילו געטאַנצט און משמח געווען דעם חתן.

צומאָרגענס, מאָנטאָג פרשת בא אינדערפרי, האָט טעלעפאָנירט צו זיינע עלטערן אַ שדכן, וועגן אַ שידוך וואָס מ'האָט שוין אָנגעטראָגן פאַר איהם מיט אַ האַלבע יאָר פריער, און זיינע עלטערן האָבן געוואָלט טוהן יענעם שידוך, נאָר די עלטערן פון די מדוברת זענען דעמאָלטס נישט געווען אינטערעסירט אינעם שידוך. אָבער יענעם מאָנטאָג אינדערפרי, האָבן זיי "פּלוצלינג" געוואָלט צוטרעטן צום שידוך, און געזאָגט, אַז דינסטאָג פרשת בא דאַרפן זיי קומען אין שטאָט צו די חתונה פון אַ משפחה-קרוב, און זיי ווילן זעהן דעם בחור "בדרך אגב"... נישט "אָפיציעל"... למעשה, אָבער, איז דער שידוך צושטאַנד געקומען בשעה טובה ומוצלחת, יענעם דינסטאָג, נאָך פאַר שקיעת החמה!

**כא.** מ'זאָגט נאָך, אַז פונקט אַזוי ווי מ'קען נישט זינגען אַ ניגון מיט אַ גלייכן קול, נאָר דורך דעם וואָס דער קול גייט אַרויף און גייט אַראָפּ ווערט געבויט אַ וואונדערליך געזאַנג, אַזוי דאַרף דער מענטש גלייבן אַז דייקא דורך זיינע עליות און ירידות, שאַפט זיך די שירה פון זיין לעבן, אַ זיסער און וואונדערליכער געזאַנג, ווייל אויך די ירידות און שוועריגקייטן וואָס דער מענטש האָט, זענען פאַר זיין טובה וועגן.

**אַזוי** מיר לערנען אין דער היינטיגער סדרה (טו, ג), די אידן האָבן זיך אָפּגערעדט ביים ים סוף, "מי יתן מותנו ביד ה' בארץ מצרים בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע". זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע אַ וואונדערליכן הסבר. אין מצרים האָבן די אידן געהאַט די בחירה, דעם אויסוואַל, זיך אויסצומישן מיט די מצריים און צו זיין אַזוי ווי זיי, און פונדעסטוועגן, האָבן זיי זיך געשטאַרקט און האָבן אויסגעקליבן דעם גוטן וועג, און זיי האָבן געגעסן נאָר ברויט, כאָטש זיי האָבן געקענט פאַרעקלען זייער נפש מיט'ן ברויט און פלייש פון די מצריים.

**אַזוי** זאָגט אויך דער מדרש, אַז די אידן האָבן געקאָכט דאָס פלייש פאַר די מצריים, און דער ריח פונעם פלייש האָט אַריינגעדרינגען אין זייער נאָז, אָבער פונדעסטוועגן, האָבן זיי נישט געגעסן פונעם פלייש פון די מצריים.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק "באכלנו לחם לשובע", מיר האָבן געגעסן ברויט צו דער זעט, כאָטש מיר האָבן געשמעקט דאָס פלייש פון די מצריים: "בשבתנו על סיר הבשר", ווען מיר זענען געזעסן ביים טאָפּ פון פלייש. דעריבער האָבן די אידן זיך אָפּגערעדט דאָ, "מי יתן מותנו ביד ה' בארץ מצרים בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע", זיי האָבן ענדערש געוואָלט האָבן דעם דעמאָלסדיגן מצב פון מסירות נפש, ווי יעצט, ווען "נפשנו יבשה אין כל" - זיי האָבן נישט אַ מלחמת היצר, און אַזאַ לעבן איז גאָרנישט ווערד אין זייערע אויגן.

**אַזוי** שרייבט דער ראַדאָמסקער רבי זי"ע אין "חסד לאברהם", אַז די אידן זענען בייגעשטאַנען דעם נסיון, כאָטש זיי זענען געזעסן נעבן דעם טאָפּ פון פלייש, האָבן זיי נישט געוואָלט עסן און נאָכגעבן זייער תאווה, נאָר זיי האָבן געגעסן ברויט צו די זעט.

**דער** מדרש זאָגט (שמו"ר פ"כ, ה) אויפן פסוק, ויהי בשלח פרעה את העם, ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים וג'ו (יג, יז), עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ פעלד וואָס איז געווען פול מיט שטיינער, האָט ער פאַרקויפט זיין פעלד צו אַ צווייטן. דער קונה האָט צוביסלעך אַראָפּגענומען די שטיינער, און ער האָט געטראָפן אונטער די שטיינער, אַ קוואַל פון וואַסער.

ער האָט דאָרט איינגעפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן, און יעדער איינער וואָס איז דורכגעגאַנגען, האָט געלויבט דאָס פעלד. ווען דער מוכר האָט געהערט דערפון, האָט ער געקלאָגט: ווי איז פאַר מיר, וואָס איך האָב פאַרקויפט מיין פעלד, און איך האָב עס אַרויסגעלאָזט פון מיין האַנט.

**פאַרוואָס** האָט דער מוכר אַזוי געוויינט? קען מען זאָגן, אַז באמת האָט דער מוכר אויך געוואוסט אַז עס דאָ אַ מעיין מים חיים אינעם פעלד, אָבער ער האָט געמיינט אַז צוליב די שטיינער, איז דער קוואַל גאָרנישט ווערד... ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף אַראָפּנעמען יעדעס מאָל נאָר אַביסל שטיינער, און דאַן וועט אַנטפּלעקט ווערן אַ קוואַל, ווייל דער מענטש דאַרף נאָר צוביסלעך "אָפּריינגען" די שטיינער. וויבאַלד ער איז אָבער געווען פויל אַראָפּצונעמען די שטיינער, האָט ער שאָדן געהאַט דאָס גאַנצע פעלד.

**מיט** דעם קען מען פאַרשטיין דעם פסוק, "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים, פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה". פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געטראַכט אַז די אידן וועלן גלוסטן צוריקצוגיין קיין מצרים, זיי האָבן דאָך געליטן אַזוי פיל צרות אין גלות מצרים? צו דען האבן זיי פאַרגעסן אין איין וואָך וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן דאָרט?!

**איז** דער תירוץ, ווייל יעדע זאַך וואָס קומט-אָן לייכט, ווערט פאַרלוירן ביז אַ קורצע צייט, און גאולת מצרים איז געקומען אין איין מינוט. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער אַרומגעפירט די אידן דורכ'ן מדבר, כדי עס זאָל זיי אָנקומען שווער דאָס צוריקגיין קיין מצרים, און אַזוי וועלן זיי זיך קענען האַלטן ביי זייער מצב פון דערהויבונג נאָך יציאת מצרים.

**פון** דעם לערנען מיר, ווי וויט אַ איד דאַרף אַנטלויפן פון אַן עבירה. ווייל דער אויבערשטער האָט זיי געפירט 'ארום און אַרום' דורכ'ן מדבר, אלעס, כדי זיי זאָלן נישט וועלן צוריקגיין קיין מצרים.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, עס זאָלן נתעורר ווערן אויף אונז די נסים פון קריעת ים סוף, און פון מן, און מיר זאָלן אַלע צוזאַמען זוכה זיין געהאָלפן צו ווערן מיט אַ שמחת עולם, דורך די גאולה שלימה במהרה דידן, אמן כן יהי רצון.